פרשת נשא-חג השבועות ||| שנת תשפ"ו לפ"ק ||| גליון קנ"ג

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

גליון מיוחד
לקראת חג השבועות

זמן מתן תורתינו א
דוד מלכא משיחא ד
קביעת עתים לתורה י
אור החיים הק' יא
נקודה למעשה טו

## זמן מתן תורתינו

**ההולכים בתורת ה';**
די פריוואַטע 'תורה שבעל פה' וואָס מיר זענען מקבל שבועות

פאַרברענג ערב קבלת התורה תשפ"ה

א

# הוא יפתח לבנו בתורתו; קבלת התורה אין אַלע סאָרט אומשטענדן דורכאויס אונזער לעבן

### דער עיקר יום טוב איז אויף תורה שבעל פה

ס'איז באַקאַנט די קשיא וואָס דער **מגן אברהם** פרעגט (או"ח סימן תצ"ד ס"א): דער מעמד קבלת התורה איז דאך געווען אין דעם טאָג פון ז' סיון, אויב אַזוי פאַרוואָס זאָגן מיר 'זמן מתן תורתינו' און מיר פראַווען דעם יום טוב אינעם טאָג פון ו' סיון?

איז דאָ דערויף אַ שיין וואָרט פון הגאון רבי **שמעון סופר** זצ"ל פון קראָקא, אַז קבלת התורה איז געווען ביום ז', ווייל 'הוסיף משה יום אחד מדעתו', ווי די **גמרא** זאָגט (שבת פז, א) אַז משה רבינו האָט דאָס גע'דרש'נט פון אַ פסוק: **'וקדשתם היום ומחר'**.

און **חז"ל** זאָגן דאָך (גיטין ס, ב) "לא כרת הקב"ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבעל פה". די כריתת ברית צווישן השי"ת מיט אידישע קינדער איז געווען **דוקא אויף תורה שבעל פה.** ס'איז טאַקע דאָ די תורה שבכתב; די עשרת הדברות, אָבער **דער עיקר דביקות צווישן אידן מיט'ן אויבערשטן, איז די תורה שבעל פה** - וואָס מיינט, די לימודים און די גזירות שוות וואָס די חכמים לערנען אַרויס פון די פסוקים.

דאָ ביי מתן תורה, ווען משה רבינו האָט מוסיף געווען נאָך אַ טאָג, ווייל ער האָט אַזוי גע'דרש'נט פון אַ פסוק 'היום ומחר', איז געווען **דאָס ערשטע מאָל אין דער בריאה ווען אַ נברא, אַ בשר ודם, האָט אַרויסגעלערנט וואָס מ'דאַרף טון, דורך די כללים פון תורה שבעל פה.** און היות אַז די גאַנצע כריתת ברית צווישן השי"ת מיט אידן איז דוקא אויף תורה שבעל פה, וואָס איז די עיקר דביקות מיט'ן רבוש"ע, און דאָס האָט פאַסירט ביום ו' לחודש, צוליב דעם הייסט דאָס 'זמן מתן תורתינו' און נישט ז' סיון.

### מקיים זיין די תורה אין אַלע סאָרט מצבים

לאָמיר זיך אַביסל מתבונן זיין: **וואָס איז טאַקע פשט אַז דער עיקר כריתת ברית איז אויף תורה שבעל פה,** אויף אַזוי ווייט אַז דער גאַנצער יום טוב פון שבועות איז ווייל דעמאָלט איז נתגלה געוואָרן דער כח פון תורה שבעל פה. **וואָס איז דאָס תורה שבעל פה?**

דער רבוש"ע האָט אַזוי אויסגעשטעלט דער סדר פון דער בריאה, אַז **אין יעדע תקופה איז דאָ אַנדערע סאָרט אומשטענדן.** עס ווערט כסדר געטוישט די פלעצער וואו אידן וואוינען, די נסיונות וואָס זיי האָבן, און אַלע אַרומיגע פרטים, 'לא הרי זה כהרי זה'. ס'איז געווען אַ תקופה אין אַמעריקע פאַר הונדערט יאָר צוריק, ווען אידן האָבן געהאַט ביטער שווערע נסיונות אויף חילול שבת; ס'איז געווען אַ תקופה ווען מ'האָט זיך געדאַרפט מוסר נפש זיין ביי די קאָמוניזם; און אַזוי גייט עס צוריק אין אַלע דורות.

ווען מ'קוקט צוריק אויף היסטאָריע זעט מען אַז דאָס מציאות הדברים טוישט זיך כסדר. **געוויסע זאַכן ווערן לייכטער צו מקיים זיין, און געוויסע זאַכן ווערן שווערער צו מקיים זיין.** דאָס מציאות רוקט זיך אַרום מיט אַ פונקטליכן סדר וואָס דער רבוש"ע וויל אַז **יעצט דאַרף דער ספעציפישער ענין פון תורה קומען צו אַ שלימות**; יעצט דאַרפן אידן זיך משלים זיין מיט דער נקודה, א.א.וו.

### תורה שבעל פה - אין יעדן סיטואַציע

אין דער תורה שטייט אַז מ'דאַרף מקיים זיין אַלע תרי"ג מצוות, אָבער ס'איז דאָ אַ געוויסע נשמה, אַ געפיל און אַ הבנה, וואָס איז אַקטועל לגבי יעדע ספעציפישע מצב. צום ביישפיל, געווענליך דאַרף מען זיך מוסר נפש זיין נאר אויף די ג' חמורות, אָבער ווען ס'איז דאָ אַ גזירת המלכות, **דאַרף מען זיך מוסר נפש זיין אפילו אויף אַן 'ערקתא דמסאנא'** - נישט צו טוישן א שיך בענדל.

**דאָס ווערט אָנגערופן 'תורה שבעל פה'!** תורה שבעל פה רעכנט אַריין אַלע הבנות וואָס מ'קען נישט מסביר זיין מיט אותיות, אָבער דער איד וואָס האָט דעם געפיל אַז ער וויל זיין נאָנט צום אויבערשטן, זאָגט אים זיין האַרץ אַז **"יעצט דאַרף מען זיך מוסר נפש זיין אויף דעם ענין. יעצט דאַרף מען זיין שטאַרק און זיך נישט לאָזן."** אַמאָל דאַרף מען קענען זיין ווייך און שטאַרק אין דער זעלבער צייט: שטאַרק - זיך צו האַלטן פעסט. און ווייך - כדי צו קענען איבערגעבן פאַר די קינדער אַז מ'דאַרף זיך האַלטן שטאַרק.

די אַלע זאַכן זענען אַ חלק פון תורה שבעל פה. און **דעריבער איז אַזוי וויכטיג צו זיין דבוק צו ערליכע אידן** - וואָס איז איינס פון די גרויסע יסודות וואָס אַלע ספרים רעדן לגבי קבלת התורה - ווייל אַ מענטש קען נישט גיין אַליין. מ'דאַרף האָבן פון הימל **אַזויפיל סייעתא דשמיא**

**און אַזויפיל הבנה** צו פאַרשטיין וואָס ס'איז דער ריכטיגער מהלך אין דעם יעצטיגן סיטואַציע. אויף יעדע זאַך קען מען טרעפן אַ מאמר חז"ל אָדער אַ פסוק, אָבער די שאלה איז: **וואָס דאַרף מען יעצט טון למעשה?** דאַרף מען יעצט יאָ פאַרמאַכן די גמרא, אָדער נישט פאַרמאַכן די גמרא? דאַרף מען יעצט מחנך זיין אויף דעם אופן אָדער אויפ'ן אַנדערן אופן? אָט די איידעלע הבנה, איז 'תורה שבעל פה'.

## די הייקעלע החלטה וואָס משה רבינו האָט געדאַרפט מאַכן

ווען משה רבינו איז אַראָפּגעקומען מיט די לוחות ראשונות, און ער האָט געזען דעם מצב וואו אידן געפינען זיך ליידער, האָט ער צעבראָכן די לוחות. עס שטייט אין **תנא דבי אליהו** אַז משה רבינו האָט דאָ געהאַט אַ געוואַלדיגער ספק וואָס ער האָט געדאַרפט מכריע זיין און מאַכן אַ החלטה דערויף: **וואָס קומט פריער, אידן אָדער די תורה?**

משה רבינו האָט געוואוסט אַז אויב די לוחות וועלן נישט צעבראָכן ווערן, דעמאָלט **מיינט דאָס חלילה אַ 'כליה' אויף אידישע קינדער**, ווי דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט אַז מ'וועט מאַכן אַ נייע כלל ישראל פון זיינע קינדער - **ואעשך לגוי גדול.** ווידעראום אויב וועט ער יאָ צעברעכן די לוחות, וועט מען טאַקע פאַרלירן די לוחות הראשונות, אָבער אידן וועלן קענען באַקומען אַ לוחות שניות, און מ'וועט נישט מכלה זיין כלל ישראל.

משה רבינו איז דאָ געווען אין אַ געוואַלדיגע דילעמאָ, אָבער ער האָט מחליט געווען אַז ער גייט צעברעכן די לוחות, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען אַז **די אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו אידישע קינדער, איז שטאַרקער ווי די אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו די תורה!** ס'איז פחד'יגע ווערטער איבערצוזאָגן, אָבער אַזוי שטייט אין תנא דבי אליהו. דער אויבערשטער וויל ענדערש אַז מ'זאָל ראַטעווען אידן ווי מ'זאָל ראַטעווען די לוחות. צוערשט זאלן אידן ניצול ווערן, דערנאָך וועט מען מאַכן אַ לוחות שניות און אַלעס וועט שטימען.

## דער הספד אויף משה רבינו'ס תורה שבעל פה

און למעשה זעט מען טאַקע אַז דער הספד וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט אויף משה רבינו, נאָך די אַלע יאָרן וואָס ער האָט געפירט כלל ישראל, איז געווען דוקא אויף דער נקודה: **'לעיני כל ישראל'** און ווי רש"י זאָגט: **'שנשאו לבו לשבור הלוחות לעיניהם... והסכימה דעת הקב"ה לדעתו שנאמר 'אשר שברת' יישר כחך ששברת'.** דער רבוש"ע איז אים מספיד מיט דעם פרט **אַז ער האָט גוט בוחר געווען!** ער האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס צו טון בשעת דעם ספק.

דאָס איז געווען אַ נסיון וואָס דער אויבערשטער האָט מנסה געווען משה רבינו. **דער אויבערשטער האָט אים נישט געזאָגט וואָס ער זאָל טון.** משה רבינו האָט נישט געוואוסט מידיעה, אָבער ער האָט געדאַרפט מחליט זיין מתוך רגש, ער האָט געמוזט אַליין קענען בוחר זיין בטוב. דער רבוש"ע האָט געזאָגט: "איך גיי דיך אַריינוואַרפן אין אַ מצב, און איך וויל זען וואָס דו גייסט טון. אויב דו וועסט מכוון זיין צום אמת, דעמאָלט איז אַ סימן אַז דו שטייסט אין גאָר אַ גוטן פלאַץ". **דאָס איז תורה שבעל פה!**

דאָס זעלבע איז געווען ביי 'הוסיף משה יום אחד מדעתו'. דער אויבערשטער האָט געזאָגט אַז מ'וועט געבן די תורה אין דעם טאָג פון ו' לחודש, אָבער משה רבינו האָט פאַרשטאַנען אַז דער אויבערשטער וויל אַז מ'זאָל עס געבן ז' לחודש. **דאָס הייסט תורה שבעל פה, ווען מען פאַרשטייט וואָס דער אויבערשטער וויל.** הגם אַז ווען מ'קוקט אַריין אין די ווערטער זעט מען עס נישט מפורש. דער מענטש זעט אַז אין פסוק שטייט אַזוי, און אַז די משנה פון פרקי אבות זאָגט אַזוי, אָבער **תורה שבעל פה מיינט אַז דו ביזט אין דעם ריכטיגן מצב, דו פאַרשטייסט וואָס דער אויבערשטער וויל.** ביי משה רבינו איז דאָס געווען אינגאַנצן רוח הקודש, אָבער ביי אונז איז דאָס אויך אַ געוויסע בחינה פון רוח הקודש צו קענען מכוון זיין לאמיתה של תורה.

## מכוון זיין אל האמת אין קאָמפּליצירטע הכרעות

אין יעדן דור זענען דאָ אַזעלכע דילעמעס, ווען מ'דאַרף בוחר זיין צווישן צוויי סאָרט דרכים. **מ'דאַרף האָבן דערצו אַ תורה שבעל פה צו קענען וויסן וואָס מ'דאַרף טון.** אין רוב אַזעלכע מצבים קען קיינער אפילו נישט העלפן. ס'איז איידל שב'איידל. דער מענטש קווענקלט זיך: "ס'איז יאָ ריכטיג אָדער ס'איז נישט ריכטיג". ער דאַרף נעמען אין באַטראַכט די אַרומיגע אַטמאָספערע: "וויאַזוי וועט מיין טאַטע רעאַגירן? וויאַזוי וועט מיין משפחה דאָס אויפנעמען?"... ער דרייט זיך אַרום מיט מיליאָנען ספיקות און טראַכט צו זיך: **"רבוש"ע, וויאַזוי דאַרף איך דאָס קענען מכריע זיין?** וויאַזוי קען איך וויסן וויאַזוי צו גיין אויפ'ן ריכטיגן וועג?"

אָבער די תשובה וואָס דער אויבערשטער זאָגט פאַר'ן מענטש איז: **דו דאַרפסט זיין אין אַ מצב וואו דו זאָלסט קענען ריכטיג מכריע זיין.** ווען דו ביזט אין אַ מצב פון 'ביטול' און פון 'תשובה', וועסטו קענען מכוון זיין על האמת!

אין הכי נמי, ס'איז שרעקעדיג. יעדער וואָלט געוואָלט דריקן אַ קנעפּל וואָס זאָל אים זאָגן: "אַזוי דאַרף מען טון, ס'איז קלאָר און ס'איז מסודר". אָבער **דער אויבערשטער וויל דוקא אונזער תורה שבעל פה.** אַזוי האָט דער רבוש"ע געטון מיט משה רבינו, מער ווי איינמאָל. עטליכע מאָל האָט דער רבוש"ע מנסה געווען משה רבינו: "איך גיי דיר נישט זאָגן, כ'וויל זען צי דו גייסט וויסן וואָס איך וויל". אַזוי איז געווען ווען משה רבינו האָט כביכול זיך געקריגט מיט'ן רבוש"ע און דער אויבערשטער האָט געזאָגט: "איך וויל זען ווי שטאַרק ער גייט זיך איינבעטן פאַר כלל ישראל". און **דער אויבערשטער טוט דאָס מיט יעדן איד אין יעדן דור.** דאָס איז קבלת התורה אין יעדע תקופה מיט אירע ספּעציפישע מצבים.

ב

# ברוך אתה ה' נותן התורה; שבועות באַקומט מען די אייגענע קבלת התורה

## אַריינכאַפּן יעדן שבועות

### ווען אַ איד שטייט פאַר'ן יום טוב פון קבלת התורה, איז דאָס אַ געלעגנהייט צו באַקומען אָט דעם תורה שבעל פה.

אַז מען מאַכט זיך דעם חשבון וויפיל שבועות'ן זענען שוין געווען פון דעם מעמד הנבחר ביז'ן היינטיגן טאָג, **איז עס נישט קיין סאַך!** די גאַנצע וועלט איז בסך הכל אַלט זעקס טויזנט יאָר, און דער מעמד קבלת התורה איז געווען אין יאָר ב'תמ"ח, מער פון צוויי טויזנט יאָר נאָך בריאת העולם. ווען אַ מענטש איז שוין עלטער שפּירט ער: "נאָכאַמאָל קומט שבועות"... ס'איז אים שוין נישט אַזוי מרגש. אָבער **באמת זענען דאָ בלויז אַ קליינע צאָל שבועות'ן וואָס די בריאה פאַרמאָגט.**

יעדן יום טוב שבועות קומט אַראָפּ אַן אור פון תורה - **אַ תורה שבעל פה וואָס קומט צוזאַמען מיט'ן תורה שבכתב.** נישט בלויז אַז "מ'דאַרף זיך מחזק זיין מיט'ן לערנען, מ'דאַרף נעמען אַ חברותא"... דאָס איז תורה שבכתב. אָבער ס'קומט אויך אַראָפּ אַ תורה שבעל פה. דאָס באַדייט אַז **דער רבוש"ע איז גרייט דיר צו מגלה זיין דעם ריכטיגן וועג וויאַזוי זיך צו פירן,** את המעשה אשר יעשון. קיינער אַנדערש קען דאָס נישט וויסן, ווייל **דיין מציאות איז אַנדערש ווי יענעמ'ס מציאות.** קיין שום מענטש איז נישט גלייך צו אַ צווייטן.

## וויסן 'וויאַזוי' צו טון

אפילו ווען דער מענטש טוט שוין יאָ עפּעס, איז דאָ אַ באַזונדערע תורה שבעל פה **אַז ער זאָל עס טאַקע טון ריכטיג.** זייער אַסאַך מאָל איז די שאלה נישט "צי מ'זאָל עס יאָ אָדער נישט טון", די שאלה איז: **"וויאַזוי טוט מען דאָס ריכטיג"**... צומאָל טוט דער מענטש אַן אומריכטיגע פעולה און ס'איז נישט געשען קיין נזק דערפון. און צומאָל טוט מען טוט אַ ריכטיגע זאַך אויף אַן אומריכטיגן אופן און דער שאָדן איז ביז'ן הימל...

לדוגמא: ווען איינער זעט ווי אַ צווייטער רעדט ביים דאַווענען, קען אַמאָל זיין אַז ער טוט די ריכטיגע זאַך, ווי ס'שטייט אין שלחן ערוך 'גוערים בו', **אָבער ס'קען ווערן געטון אויף אַן אומריכטיגן אופן.** ס'איז נישט אַלעמאָל תלוי צי דו ביזט מכוון אל האמת מיט דער החלטה 'וואָס' צו טון. דער עיקר דאַרף מען מכוון זיין אל האמת מיט'ן **צוגאַנג 'וויאַזוי' מען פּרובירט דאָס צו טון.** ער וויל בויען תורה, ער וויל בויען אַ כולל, אָבער גלייכצייטיג האָט ער אַ ריכטיגן צוגאַנג בין אדם לחבירו, **ער**

**האָט אינזין אַז ס'זאָל נישט פּוגע זיין אין אַנדערע.** די אַלע זאַכן זענען תורה שבעל פה, ס'שטייט נישט אין ערגעץ וויאַזוי פּונקטליך מ'דאַרף דאָס טון.

### מיר מוזן יעדע רגע האָבן תורה שבעל פה

און לאָמיר זיך נישט נאַרן: **רוב זאַכן אין אונזער לעבן גייען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון תורה שבעל פה.** מיר האָבן אויך גענוג נסיונות פון תורה שבכתב, אָבער מען קלאַפּט זיך אן אַגאַנצן טאָג אין אַזעלכע סאָרט ספיקות וואָס ס'שטייט נישט אין ערגעץ וויאַזוי מ'דאַרף דאָס טון: "איך זאָל אים יאָ זאָגן, אָדער כ'זאָל אים נישט זאָגן?"... דאָס פּאַסירט אָפּט אין שטוב, און דאָס פּאַסירט אָפּט לגבי די חינוך.

אַמאָל איז דאָ אַ מענטש וואָס ער געדענקט נאר דעם כלל פון 'מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע'... זיינע קינדער זענען שוין דרייסיג יאָר אַלט, און ער האַלט נאָך ביי דער מצוה פון 'מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע', **ס'איז אים נאָכנישט אויסגעקומען די אַנדערע זייט...** פרעגט ער אַ שאלה: ס'איז דאָ אַ מצוה יאָ צו זאָגן אַ 'דבר הנשמע', און ס'איז דאָ אַ מצוה נישט צו זאָגן אַ 'דבר שאינו נשמע'. **וויאַזוי קען איך וויסן ווען צו נוצן וועלכע מהלך?! איך האָב נישט קיין אורים ותומים!** - אָה, דאָס האָט אַ נאָמען! עס ווערט אָנגערופן 'תורה שבעל פה'.

דער אויבערשטער וויל זען וואָס דו גייסט טון ווען דו גייסט נישט וויסן. אויב דו וועסט מתפלל זיין, אויב דו וועסט גיין צוביסלעך, און אויב דו וועסט האָבן הכנעה וועסטו באַקומען די מתנה צו וויסן דעם ריכטיגן וועג. **אינעם יום טוב שבועות בעטן מיר זיך פאר אַ תורה שבעל פה אין אַלע אונזערע תחומים.** דורכדעם זענען מיר זיך מתחבר צו אַלע פריערדיגע דורות. יעדער איד וואו ער געפינט זיך נאר, איז בעצם אַ חיבור און אַ גאָלדענע קייט פון קבלת התורה ביז יעצט.

### דאָס קומענדיגע יאָר ווענדט זיך אין דעם יעצטיגן יום טוב

ווען ס'קומט אַ יום טוב שבועות דאַרף מען דאָס אָננעמען מיט אן ערנסטקייט, צו געדענקן אַז **יעצט איז מען מקבל די תורה פאר אונזערע נסיונות.** יעדעס יאָר האָט זיך זיינע מצבים, מיר ווייסן נישט וואָס עס וואַרט אונז אָפּ. דער אויבערשטער זאל העלפן אַז ס'זאָל זיין נאר גוט פאר אידן, אָבער אין יעדן מצב וואָס קומט, סיי פאַר'ן כלל און סיי פאַר'ן פרט, **איז דאָ אַ תורה וואָס מ'דאַרף וויסן וויאַזוי זיך צו פירן אין אַזאַ סאָרט מצב.**

מיט עטליכע יאָר צוריק, ווען מ'איז דורכגעגאַנגען די תקופה פון קאָראָנע מיט אַלע נאָכווייען, ווען מ'האָט געדאַווענט ביחידות, און אַלע מאָדנע און קאָמפּליצירטע סיטואַציעס, **איז דאָס געוואָרן אויסגע'פּסק'נט אין דעם פריערדיגן יום טוב שבועות** אַז מ'זאָל וויסן וויאַזוי זיך צו פירן אין די סאָרט מצבים. **שבועות באַקומט מען די תורה שבעל פה צו האָבן ישוב הדעת;** צו האנדלן ריכטיג לגבי חינוך; צו טון די ריכטיגע זאַכן פאר יראת שמים; וויאַזוי צו פּראַווען שבתים און ימים טובים. מ'דאַרף האָבן אַסאַך סייעתא דשמיא אויף די אַלע פּרטים, און **דאָס באַקומט מען יום טוב שבועות אויפ'ן קומענדיגן יאָר.**

ס'איז דאָ אַ גאַנצע תורה שבעל פה וואָס נאָר דער אויבערשטער קען אונז געבן, און מ'דאַרף האָבן אַ גרעסערע נס דערויף ווי אויף די תורה שבכתב. אַ מענטש קען מאַכן טויזנט קבלות, אָבער **ער איז נאָך אַלץ אָנגעוויזן אַז דער אויבערשטער זאָל אים מגלה זיין די תורה שבעל פה,** אתה נגלית בענן כבודך. דאָס איז אַ גילוי וואָס מיר דאַרפן באַקומען פון הימל!

ג

## צבי וחמיד ורגיג; השתוקקות איז די בעסטע הכנה צו קבלת התורה

### בענקן צו אַ לעבן פון תורה

איינס פון די עיקר עבודות פון דעם יום טוב שבועות אויף למעשה - וואָס מ'קען דאָס שוין אָנהויבן אויך אין די טעג בעפאָר שבועות - איז: **דער געפיל פון השתוקקות צו מקבל זיין די תורה.** דאָס איז בעצם דער אָנהויב פון קבלת התורה, **וויפיל מער אַ איד האָט השתוקקות, איז זיין קבלת התורה בריי‌טער, אמת'ער און געזונטער,** ווייל ער וויל עס באמת, און ווען ער האָט אַ שטאַרקערע רצון, איז ער דאָס אַסאַך טיפער מקבל.

צומאָל פרעגט מען פון אַ מענטש צי ער וויל אַ געוויסע זאַך, און ער הייבט אן קווענקלן: "איך ווייס נישט, איך דאַרף טראַכטן דערוועגן"... אָבער שפּעטער הייבט זיין מח אָן צו טראַכטן די מעלות פון דער זאַך, און ער שפּירט: "יאָ, איך וויל עס זייער שטאַרק". ווען ס'קומט למעשה זאָגט ער: **"איך האָף אַז דו האסט עס נאָכנישט אַוועקגעגעבן".** יענער וואונדערט זיך: "איך האָב גערעדט מיט דיר לעצטע וואָך און דו ביזט געווען אַזוי קאַלט דערצו"... יאָ, אָבער אינצווישן האָט ער געטראַכט פון די מעלות פון דער זאַך, **ער איז געוואָרן מחובר רגשיות'דיג דערצו,** און יעצט וויל ער דאָס שוין. יעצט בעט ער זיך שוין דאָס צו באַקומען.

דאָס איז די עבודה שטייענדיג בעפאָר קבלת התורה. אַז **מ'זאָל אָנהויבן משתוקק זיין פאַר אַ לעבן פון תורה;** מ'זאָל משתוקק צו באַקומען שבועות די מתנה פון 'לשמור ולעשות ולקיים'.

### השתוקקות אפילו ווען מ'איז פאַרנומען ערב יו"ט

אַ איד קען זיך אויסבעטן אַ גוטע חברותא אין דעם יום טוב שבועות. **וויפיל איז ווערד אַ גוטע חברותא? כל הון דעלמא!** אַ חברותא וואָס האָט דעם זעלבן גאַנג און די זעלבע הבנה אין לערנען, ס'איז דאך אַ מחיי'! פאר יעדן איד געוואונטשן! דאָס קען אַרויסנעמען דעם מענטש מאפילה לאורה ממש. בלויז דער אויבערשטער גיט דאָס, און מ'קען משתוקק זיין דערויף. אַזוי אויך קען מען משתוקק זיין צו אַלע ערליי ענינים פון תורה שבעל פה, מ'קען משתוקק זיין צו באַקומען די כוחות פון 'אין אדם עומד על דברי תורה, אלא אם כן נכשל בה', א.א.וו.

אָט די השתוקקות דאַרף אַ איד שפּירן דורכאויס די הכנות צום יום טוב. ערב שבועות איז אַסאַך מאָל דאָ טרדות, מ'פּאָרט צו אַנדערע שטעט,

שבועות באַקומט מען די תורה שבעל פה צו האָבן ישוב הדעת

ס'איז אָנגעשטרענגט, **אָבער די השתוקקות קען מען אַלעמאָל האָבן.** מעגליך אַז דו האסט נישט יעצט די מעגליכקייט צו עפענען אַ ספר, אָבער דו קענסט האָבן די השתוקקות מיט אַ ניגון, מיט אַ מחשבה: **"רבוש"ע, הלוואי איך זאָל באַקומען די תורה, איך בעט דיר, ווייז מיר דעם ריכטיגן וועג, ברענג עס צו מיר".**

### אַ בענקשאַפט אינמיטן תיקון ליל שבועות...

צומאָל טרעפט זיך אַ מענטש שבועות ביינאַכט מיט אַ שטיקל עגמת נפש. במשך דעם גאַנצן ערב יו"ט איז ער געלאָפן אַהין און צוריק און יעצט גייט עס נישט... די אויגן פאַרמאַכן זיך, די נאָז טרעפט זיך מיט'ן תיקון ליל שבועות... ער גייט נעמען נאָך אַ קאַווע... ער שפּאַצירט אויף דער זייט און אויף יענער זייט... ער קוקט יעדע פינף מינוט אויפ'ן זייגער: "דער זייגער רוקט זיך נישט! וואָס איז דאָס מיט אים?"...

אַצינד ווענדט זיך וואָס דער מענטש האָט געטון נאָכדעם. אויב האָט ער איינגעדרימלט. נו. אָבער אויב דער מענטש איז געגאַנגען סתם פאַרברענגען, **איז עס אַ גרויסע פאַרלוסט.** ער טראַכט צו זיך: "איך בין נישט דער וועלט'ס 'עובד' וואָס רעדט נישט אויס פון ברכו ביז כתר... איך בין אַמאָל געווען אַ בחור, היינט בין איך שוין עלטער... סייווי האָב איך געדאַרפט רעדן ביי דער סעודה מיט מיין משפּחה"... **פיין, אָבער פאַרוואָס האָסטו נישט קיין מחשבות פון השתוקקות?**

אויב אַ איד דרימלט איין אינמיטן די השתוקקות, קען ער אפילו חלומ'ן וועגן זיין

השתוקקות. אָבער אויב דו האסט זיך געטראָפן אינדרויסן פאַרברענגען, **איז עס אַזאַ שאָד**. ביזט אַרויסגעגאַנגען און האסט אָפּגעקילט די גאַנצע זאַך! **בלייב צוגעבינדן צו דיין השתוקקות!** קענסט אפילו חלום׳ן ״הלואי איך זאָל קענען מקבל זיין די תורה, ווי גוט וואָלט געווען צו באַקומען אַ גוטע חברותא צום לערנען״... שעפּשע אַרויס אַ תפלה פון מויל. אפילו אויב דו ביזט אינצווישן איינגעשלאָפן צען מאָל, האָסטו כאָטש פּרובירט, און דאָס ווערט אָנגערופן אַז דו גרייטסט זיך צו קבלת התורה! דאָס איז אַ תיקון ליל שבועות. **זאָג אַרויס אַ וואָרט פון השתוקקות, זינג אַ ניגון**, לאָז דיין רצון אַרויסגיין, **ברענג אַרויס וואָס דיין נפש וויל באמת.** דאָס איז דער עיקר הכנה אויף מאָרגן שבועות אינדערפרי, אַז דער נפש זאָל זיין אין אַ מצב פון ׳וועלן מקבל זיין די תורה׳. דאָס איז דער עיקר, און אַלע אַרומיגע זאַכן פּרובירט מען אַז ס׳זאָל זיך אויסשטעלן גוט, אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון לבו לשמים.

### ערלויבן פאַר׳ן רצון אַרויסקומען...

בלויז די האָרעוואַניע פון פּרובירן צו מנדד זיין שינה מעיניו איז אַ געוואַלדיגער תיקון. ווי מ׳זאָגט אין דער תפלה נאָכ׳ן תיקון ליל שבועות. די שוועריגקייט דערפון ברענגט אַז דער מענטש זאל ווערן מער ווייך און מזוכך. **אָבער דער עיקר שבעיקרים איז ווילאַנג ער טראַכט וועגן זיין השתוקקות;** ער טרעפט זיך זאָגן נאָכאַמאָל: ׳שיר המעלות אשא עיני׳; ער זאָגט קאַפּיטל קי״ט מיט כוונה. אפילו איינער האָט אים געשטערט אינמיטן, אָבער ער גייט נאָכדעם צוריק צום תיקון ליל שבועות, וואו מ׳זאָגט דעם גאַנצן קאַפּיטל, דאָס איז יעצט זיין אינערליכער געפיל. ס׳איז נישטאָ קיין שענערע הכנה צו קבלת התורה.

דער **שינאָווער רב** זי״ע ברענגט פון **בעש״ט הק׳** זי״ע (דברי יחזקאל החדש עמו׳ שס״א) וואָס האָט אַמאָל געהערט ווי אַ מלמד איז מסביר פאר די קינדער, אַז לכאורה ווי קומט אַריין דער פּסוק פון ׳מה רבו מעשיך ה״ אינמיטן די פּסוקים פון ׳ברכו נפשי׳? נאר דוד המלך האָט זיך מתבונן געווען אין די נפלאות הבורא, ער האָט דערמאַנט די פייגעלעך, דאָס וואַסער, די ביימער און בהמות, און ער איז אַזוי שטאַרק נתלהב געוואָרן דערפון אַז אינמיטן דעם קאַפּיטל האָט ער זיך צושריגן: ״מה רבו מעשיך השם כולם בחכמה עשית״.

ווי שיין איז דאָס **ווען אינמיטן תיקון ליל שבועות צוזינגט זיך דער איד;** ער זאָגט אַ ׳שיר המעלות׳; ער זאָגט עטליכע ווערטער צום רבוש״ע אויף אידיש. **דאָס איז די נשמה פון דער זאַך.** ער לאָזט זיין רצון אַרויסקומען. ער איז משתוקק. דאָס ברענגט טאַקע קבלת התורה. שפּעטער פאַלט אים איין: ״וויאַזוי קען איך טאַקע בעסער מקיים זיין די תורה?״.

דער אויבערשטער זאל העלפן אַז מ׳זאָל קענען ריכטיג מקבל זיין די תורה, און ווערן אמת׳ע ערליכע אידן.

# דוד מלכא משיחא

## ובשירי דוד עבדך נהללך;

דאָס געזאַנג פון דוד המלך דורכאויס שווערע מצבים

יום שלישי פרשת נשא, ז׳ סיון תשפ״א

מתוך שיעור דברי חיזוק, לאחר האסון הקשה בקהלת סטאלין קארלין בערב חג השבועות

א

## ה׳ אלקי לעולם אודך; דער שלימות פון שבח והודאה להשי״ת - דווקא ווען ס׳איז ביטער אויפ׳ן הארץ

### דער קונץ איז צו זאָגן שירה נאָכ׳ן כאפּן א פּאטש...

שבועות געפאלט דאָך אויס די יאָרצייט פון דוד מלך ישראל חי וקיים. איז באקאנט דאָס וואָרט פון דעם **קאָצקער רבי** זי״ע אויף דער גמרא (סנהדרין צב, ב) אז נבוכדנצר הרשע האָט געוואָלט זינגען שירה פאר׳ן רבוש״ע, וואָס די שירה וואָלט געווען אסאך שענער ווי דוד המלך׳ס שירה, עס וואָלט מגנה געווען די שירות ותשבחות פון דוד אין ספר תהלים. נאר ׳**בא מלאך וסטרו על פיו**׳, א מלאך איז געקומען און אים געגעבן א קלאפּ אויפ׳ן מויל אז ער זאָל נישט זאָגן די שירה.

לכאורה אויב האָט נבוכדנצר טאקע געקענט זאָגן א שענערע שירה פון דוד המלך, **פארוואָס האָט ער באקומען א פּאטש אויפ׳ן פּנים כדי דאָס אפּצושטעלן?**

נאר - האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט - דוד המלך האָט געזונגען שירה צום רבוש״ע אין אלע סאָרט שווערסטע מצבים וואָס ער איז אריבער אגאנץ לעבן. דעריבער ווען נבוכדנצר האָט געוואָלט זאָגן שירה, האָט אים דער מלאך געגעבן א געזונטן פּאטש: **״ס׳איז נישט קיין קונץ צו זינגען ווען אלעס גייט גוט, לאָמיר זען ווי דו זאָגסט שירה נאָכ׳ן כאפּן א פּאטש״...** און ווען נבוכדנצר האָט טאקע נישט געזאָגט קיין שירה, **איז דורכדעם נתברר געוואָרן די געוואלדיגע מעלה פון דוד המלך׳ס שירות ותשבחות**, וואָס ער האָט יאָ אזויפיל געזונגען אפילו ווען ער האָט געכאפּט קלעפּ פון אלע זייטן.

דער גאנצער ספר תהלים איז געזאָגט געוואָרן אינמיטן די צרות פון דוד המלך. ער האָט געזונגען ווען ער איז אנטלאָפן פון אבשלום בנו, ווען ער איז אנטלאָפן פון שאול המלך, א.א.וו. ער איז דורכגעגאנגען אלע ערליי סאָרט שוועריגקייטן, און **דוקא אין אזעלכע מצבים האָט ער געזאָגט שירות ותשבחות.** דאָס איז דער שירה פון דוד המלך!

### דער תפקיד פון דוד: צו זינגען מתוך צרה

דער **זוהר הק׳** ברענגט אין פרשת משפטים אז דוד המלך ווערט אָנגערופן ׳**בדחנא דמלכא**׳, ער האָט געהאט א ספעציעלן כח צו קענען פריילּיך מאכן די שכינה הק׳. דער זוהר הק׳ זאָגט אז אפילו ווען דוד איז געווען אין דעם גרעסטן און טיפסטן צער האָט ער ממשיך געווען צו לויבן און דאנקן, ווייל **דאָס איז געווען זיין מהות און זיין תפקיד אויף דער וועלט.** ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט טראָצדעם וואָס ער איז אריבערגעגאנגען שוועריגקייטן.

דוד המלך האָט געוואוסט אז זיין גאנצער מציאות אויף דער וועלט איז צו זיין דער ׳בדחנא דמלכא׳. זיין תפקיד און זיין שורש נשמה איז צו זינגען פאר׳ן אויבערשטן און ארויסצוברענגען אז ׳טוב ה׳ לכל׳, דער גאנצער ׳הלל׳ האָט דאָך דוד המלך מחבר געווען, אלעס וואָס מיר זינגען פאר׳ן רבוש״ע האָט דוד פארפאסט. **אָבער וויאזוי שטימט דאָס מיט׳ן מציאות אז ער גייט אריבער אזויפיל שוועריגקייטן?!** פון ווען ער איז געבוירן געוואָרן איז ער געווען א נרדף צווישן זיינע ברידער; שפּעטער האָט ער געדארפט אנטלויפן פאר זיין לעבן; זיין אייגן קינד האָט אים געוואָלט אומברענגען; און ער איז כביכול נכשל געוואָרן מיט א חטא וואָס האָט אים געברענגט אזא טיפער צער, **וויאזוי שטימט דאָס מיט זיין תפקיד צו זינגען פאר׳ן אויבערשטן?**

האָט דוד המלך זיך געמאכט דעם חשבון: **ווייזט אויס אז דאָס איז גאָר דער שלימות פון מיין תפקיד!** בלויז זינגען צום אויבערשטן ווען אלעס גייט גוט, דאָס קען אפילו סתם א מענטש וואָס ארבעט נישט אויף זיך. אָבער אויב מיין תפקיד איז צו זיין דער ׳בדחנא דמלכא׳ וואָס איז מחבר און ברענגט ארויס די שירה פון א אידישע נשמה צום רבוש״ע, **זעט אויס אז די צרות זענען משלים מיין תפקיד.** איך דארף זינגען אין יעדן סאָרט מצב. סיי ווען ס׳איז בגבורות, ׳**הללו את ה׳ בגבורותיו**׳, און סיי ווען ס׳איז ׳ברוב גדלו׳... **אזכרה נגינתי בלילה**, אפילו ווען ס׳איז שווער, ס׳איז טונקל, און עס טוט וויי. **מקצה הארץ אליך אקרא**, פון די טיפסטע און ווייטסטע

מצבים האָט ער ווייטער געזונגען צום אויבערשטן.

### א נייע ניגון לכבוד דער מאורע...

ווען דוד המלך איז אוועקגעלאָפן פון זיין אייגן קינד אבשלום, האָט מחבר געווען א נייע ניגון ׳לאור המצב׳. נישט סתם א ניגון, נאר א ניגון של שמחה: **׳מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו׳**. ב״ה ער אנטלויפט פון זיין זון וואָס וויל אים הרג׳נען... **אתה ה׳ מגן בעדי כבודי ומרים ראשי...** דער אויבערשטער האָט מיר אלעמאָל געהאָלפן, איך האָב נישט מורא פון קיינעם, ווייל איך פארלאָז זיך אויף אים, **לא אירא מרבבות עם אשר סביב שתו עלי... לה׳ הישועה על עמך ברכתך סלה.**

חז״ל פרעגן שוין (ברכות ז, ב): **מזמור לדוד? קינה לדוד מיבעי ליה?!** און די גמרא ענטפערט אז דוד המלך האָט געוואוסט וואָס השי״ת האָט אים געזאָגט (ש״ב יב, יא) **הנני מקים עליך רעה מביתך**, אז ער גייט באקומען א צער פון זיין שטוב. האָט ער זיך געפאָרכט אז אפשר וועט דאָס קומען פון אן עבד אָדער פון א ממזר,אבער יעצט ווען ער האָט געזען אז דער צער קומט פון זיין זון וואָס האָט רחמנות אויף א טאטע, **ליגט דאָך דאָ אביסל חסד**. דעריבער האָט דוד המלך געזונגען און נישט געמאכט קיין קינה.

### דוד המלך זינגט אלעמאָל, די שאלה איז בלויז וועלכע ניגון...

עס ווערט געברענגט אין ספר **׳בית קלם׳** (ח״א) בשם הגה״צ רבי **יוסף לייב נענעדיק** הי״ד מתלמידי קעלעם, וואָס האָט מדייק געווען א שיינע הערה: די גמרא פרעגט נישט **וויאזוי דוד המלך האָט בכלל געקענט מחבר זיין א נייעם קאפיטל תהלים**. די גמרא פרעגט בלויז אז לכאורה וואָלט דער קאפיטל געדארפט זיין מער א נוסח פון קינות און למעשה האָט ער געמאכט א ניגון של שמחה מיט לשונות פון שירות ותשבחות.

אלא מאי, האָבן חז״ל געוואוסט מיט א פשטות אז **דער כח פון דוד המלך, צו זינגען פאר׳ן אויבערשטן אפילו אין די שווערסטע מצבים, האָט זיך קיינמאָל נישט גערירט**. זיין מנוחת הנפש האָט זיך נישט געטוישט אפילו אין די מערסט צעמישטע און אומבאגרייפליכע מצבים. **נישט דאָס איז געווען די קשיא פון חז״ל**. זייער שאלה איז בלויז געווען אויף א זייטיגער פרט: פארוואָס האָט דוד המלך מחבר געווען **׳אזא סאָרט׳** ניגון? עס זענען דאָ פרייליכע ניגונים וואָס מ׳זינגט ביי מצבים פון הלל והודאה, און עס זענען דאָ אנדערע מצבים ווען מען זינגט ניגונים פון בקשה, תחינה און בכיה. פרעגט די גמרא אז לכאורה וואָלט דאָ געווען מער פאסיג אז דוד המלך זאל מחבר זיין אן אנדערער סאָרט ניגון פון קינה?

אויף דעם ענטפערן חז״ל אז דוד המלך האָט געקענט טרעפן די טיפע גוטס וואָס איז באהאלטן אין יעדן מצב וואָס ער איז אריבערגעגאנגען. **ער האָט געקענט פארשטיין אז ס׳ליגט דאָ אויך א חסד**, און דעריבער האָט ער מחבר געווען אזא סאָרט ניגון פון הודאה פאר׳ן רבוש״ע.

### דוד המלך איז מגלה א נייע עומק אין די רחמי ה׳

ווען מ׳איז זיך מתבונן אין די פסוקים פון תהלים, זעט מען אז דוד המלך איז געווען דער ערשטער וואָס האָט ארויסגעזאָגט מיט קלאָרע ווערטער: **טוב ה׳ לכל ורחמיו על כל מעשיו**. בעפאָר דוד המלך האָבן מיר נישט קיין פסוק וואָס זאָל דאָס ארויסברענגען מיט אזא קלאָרקייט אז דעם אויבערשטנ׳ס גוטס איז **אלעמאָל**, אין **אלע מצבים**, און זיין רחמנות איז ׳על כל מעשיו׳. **אפילו ווען ס׳קוקט אויס ווי דער רבוש״ע ברענגט זאכן וואָס קוקט אויס ווי דינים, איז אלעס ׳טוב׳**. אפילו ווען א מענטש פירט זיך נישט ווי ס׳דארף צו זיין, ער האָט געטון עבירות, און דער אויבערשטער איז אים מעניש פאר די עבירות, **איז דאָס אלעס גוט!**

דאָס איז דוד המלך׳ס חידוש. ווען מיר ווילן ארויסברענגען אז דער אויבערשטער איז אלעמאָל טוב ומטיב, וועמענ׳ס פסוקים נוצט מען? דוד המלך׳ס פסוקים! **טוב ה׳ לכל... זכר רב טובך יביעו... חנון ורחום ה׳ ארך אפים...** דאָס איז אן אור פון תורה וואָס איז געווען באהאלטן, און **דוד המלך האָט דאָס אראָפגעברענגט דאָ אויף דער וועלט.**

ווען מ׳קוקט אריין אין חמשה חומשי תורה זעט מען אז דער אויבערשטער גיט שכר פאר איינער וואָס פירט זיך מיט דער תורה, אָבער עס זענען געווען נאָך חלקים פון דעם אויבערשט׳נס טוב וואָס זענען געווען באהאלטן, **ביז דוד המלך איז געקומען מיט זיין שורש נשמה און ער האָט דאָס ארויסגעברענגט אז מ׳זאָל דערהערן אַסאַך מער** אז דער אויבערשטער איז אלעמאָל טוב ומטיב, **אין יעדן סאָרט מצב**, אפילו אויב ס׳איז געווען אן עבירה, אפילו אויב עס זענען געווען זאכן וואָס האָבן נישט געטויגט. דוד המלך איז דאך אויך כביכול נכשל געוואָרן בחטא, און **פון דעם שווערן מצב האָט ער ארויסגעברענגט דעם אור פון דעם אויבערשט׳נס חסד**. דאָס איז א גילוי פון תורה וואָס איז נישט געווען איידער דוד המלך מיט זיין תהלים.

# טוב לי כי עניתי למען אלמד חוקיך; די יסורים ברענגען דעם איד נענטער צו זיין תכלית

### ארויסגענומען תורה פון יעדע שוועריגקייט

עס שטייט אין ספה״ק **דגל מחנה אפרים** (חיי שרה) אז דוד המלך ע״ה האָט מחבר געווען פינף ספרים אין תהלים, קעגן די חמשה חומשי תורה; ביי יעדע צרה וואָס ער איז אריבערגעגאנגען האָט ער מחבר געווען נאָך א מזמור, ווייל **פון יעדע צרה האָט ער דערהערט און ארויסגענומען נאָך א גילוי פון דער תורה** וואָס איז ביז דעמאָלט געווען באהאלטן. באמת געפינען זיך אלע גילויים אין די חמשה חומשי תורה, אבער ס׳איז געווען בהעלם, ביז דוד המלך האָט עס ארויסגעברענגט אין זיין ספר תהלים.

אויב דוד המלך וואָלט געהאט א גרינג לעבן, אָן קיין שוועריגקייטן און אָן קיין מכשול, וואָלט מען אים געזאָגט: ״אוודאי, **ס׳איז זייער גרינג צו זינגען שירה בשעת ווען אלעס גייט דיר גוט**. ס׳איז געשמאק צו שטיין אין א זייט און זאָגן אז אלעס איז גוט... אלעס וועט זיין גוט... ס׳איז געוואלדיג... לאָמיר דיר זען דורכגיין שווערע מצבים און דעמאָלט זאָלסטו זינגען צום אויבערשטן״...

דעריבער האָט טאקע דוד המלך געדארפט דורכגיין די אלע שווערע מצבים, ווייל **דאָס איז א חלק פון דעם שלימות פון דער שירה וואָס ער האָט געזונגען**. אזוי האָט ער ריכטיג מקיים געווען זיין תפקיד בשלימות. ער קען זאָגן מיט א קלאָרקייט: ״איך בין דאָרט געווען! איך בין דורכגעגאנגען יעדע סאָרט שוועריגקייט, און איך זאָג אייך אז **דער סך הכל וואָס איך האָב פארשטאנען פון די אלע זאכן איז, אז דער אויבערשטער איז נאָר טוב**, און אלעס וואָס ער טוט איז נאָר לטובה.״

**אותיות מחכימות**

ספה״ק דגל מחנה אפרים פרשת חיי שרה

אוֹ יֹאמַר ע״ד שֶׁאָמַר דָּוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה: ׳לִי קִוּוּ רְשָׁעִים לְאַבְּדֵנִי עֵדֹתֶיךָ אֶתְבּוֹנָן לְכָל תִּכְלָה רָאִיתִי קֵץ רְחָבָה מִצְוָתְךָ מְאֹד׳. וְהָעִנְיָן הוּא כִּי יָדוּעַ שֶׁדָּוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה חִבֵּר הַסֵּפֶר תְּהִלִּים, חֲמִשָּׁה סְפָרִים נֶגֶד חֲמִשָּׁה חֻמְשֵׁי תוֹרָה, נִמְצָא כָּלוּל וְגָנוּז בּוֹ כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, וְהַיְנוּ כְּשֶׁבָּאוּ עָלָיו צָרוֹת דֶּרֶךְ מָשָׁל ׳וַיֹּאמְרוּ הַזִּיפִים וְכוּ׳ אז חִבֵּר קַפִּיטִיל תְּהִלִּים שֶׁהִסְתַּכֵּל בְּאוֹתִיּוֹת וְתֵבוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַצָּרָה וְנִתְגַּלָּה לוֹ עַל יְדֵי זֶה אֵיזֶה אוֹר מִן הַתּוֹרָה, וְחִבֵּר כְּנֶגְדּוֹ קַפִּיטִיל תְּהִלִּים שֶׁבְּוַדַּאי יֵשׁ כְּנֶגְדּוֹ אֵיזֶה פָּרָשָׁה מִן הַתּוֹרָה. וְהוּא שֶׁאָמַר ׳לִי קִוּוּ רְשָׁעִים לְאַבְּדֵנִי׳ קִוּוּ לְשׁוֹן אֲסֵפָה הַיְינוּ שֶׁנֶּאֶסְפוּ עָלַי רְשָׁעִים לְאַבְּדֵנִי, וְעַל יְדֵי זֶה עֵדוֹתֶיךָ אֶתְבּוֹנָן, הַיְנוּ שֶׁעַ״ז נִתְגַּלָּה לִי אוֹר הַתּוֹרָה וְהָעֵדוּת כַּנַּ״ל אֲבָל בִּקֵּשׁ שהשי״ת יַרְאֵהוּ נִפְלָאוֹת מִתּוֹרָתוֹ מִתּוֹךְ נַחַת רוּחַ וְהַרְחָבָה, וכו׳.

## די באהאלטענע טובה ווען מ'לערנט זיך פון די יסורים

אין קאפיטל קי"ט זאָגט דוד המלך א פסוק וואָס איז א געוואלדיגער הסבר אויף זיין גאנצע לעבן: **טוֹב לִי כִי עֻנֵּיתִי לְמַעַן אֶלְמַד חֻקֶּיךָ.** דוד המלך זאָגט אזוי: איך האָב זיך געפייניגט און געמוטשעט, אָבער ס'איז 'טוב לי כי עניתי'!

דער קונץ פון א פייטן איז, אז ער האָט אן אויסטערליש - רייכע שפראך, אז אויף יעדע זאך האָט ער די פאסיגסטע וואָרט וואָס ברענגט ארויס פונקטליך די הגדרה דערפון. דוד המלך איז דאך העכער פון אונזער קליינע השגה, אָבער - לקרב אל השכל - ווען ער האָט געזוכט איין וואָרט וואָס זאָל דאָס בעסטע ארויסברענגען דעם באגריף פון אלע זיינע צרות, האָט ער געשריבן דאָס וואָרט '**טוב**'. **ס'איז גוט!** טוב לי כי עניתי! אלעס וואָס כ'האָב זיך געמוטשעט איז געווען גוט.

און דוד המלך פירט אויס די סיבה, **פארוואָס טאקע איז עס אזוי גוט?! למען אלמד חוקיך!** ווייל יעדע מצב וואָס א מענטש גייט דורך, ליגט דערין א פאָטענציאל וואָס מ'קען זיך לערנען דערפון. אויב מ'נוצט דאָס אויס זיך צו לערנען פון דעם מצב, באקומט מען א מורא'דיגע קרבת אלקים. דער מענטש קען דורכדעם אַנטדעקן א נייע הבנה וויאזוי ער דארף זיך פירן. **דאָס איז א נצחיות'דיגע טובה**, ווייל דאָס ברענגט זיין נשמה נענטער צום אויבערשטן און ס'ברענגט די גאנצע וועלט נענטער צו איר תכלית!

## אויב ס'ברענגט תשובה, האָט זיך עס געלוינט

דוד המלך לערנט אונז: **עס זענען דאָ אַזעלכע סאָרט הבנות וואָס מ'קען נאר באקומען נאָכ'ן דורכגיין א צער.** אויב אזוי, ווען מ'קוקט אויפ'ן תכלית און אויף דער מטרה פון דעם צער, איז עס בעצם א מורא'דיגער טוב, ווייל דורכדעם וועט זיין 'אלמד חוקיך'. **דאָס וועט ברענגען אז מענטשן זאלן תשובה טון**, און דעמאָלט וועלן זיי מתקן זיין זייער נשמה און ס'וועט זיי זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

דער רבוש"ע כביכול **שפירט די ווייטאָג אסאך מער ווי אונז** - קלני מראשי קלני מזרועי. אָבער דער אויבערשטער זאָגט: "ס'איז מיר כדאי דער צער!". - דער רבוש"ע טוט דאָס **ווייל ער איז א טוב ומטיב**, און ער ווייסט אז ס'גייט ארויסקומען דערפון א גוטער תכלית.

## אויב ס'ברענגט תשובה, האָט זיך עס געלוינט

דוד המלך לערנט אונז: **עס זענען דאָ אַזעלכע סאָרט הבנות וואָס מ'קען נאר באַקומען נאָכ'ן דורכגיין אַ צער.** אויב אַזוי, ווען מ'קוקט אויפ'ן תכלית און אויף דער מטרה פון דעם צער, איז עס בעצם אַ מורא'דיגער טוב, ווייל דורכדעם וועט זיין 'אלמד חוקיך'. **דאָס וועט ברענגען אַז מענטשן זאלן תשובה טון**, און דעמאָלט וועלן זיי מתקן זיין זייער נשמה און ס'וועט זיי זיין גוט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

דער רבוש"ע כביכול **שפירט דעם ווייטאָג אַסאַך מער ווי אונז** - קלני מראשי קלני מזרועי. אָבער דער אויבערשטער זאָגט: "ס'איז מיר כדאי דער צער!" - דער רבוש"ע טוט דאָס **ווייל ער איז אַ טוב ומטיב**, און ער ווייסט אַז ס'גייט אַרויסקומען דערפון אַ גוטער תכלית.

## אַן עבירה איז דער גרעסטער צער פאַר'ן צדיק

איינע פון די גרעסטע הבנות צו זען דאָס גוטס פון יסורים, איז אַרויסגעקומען **דוקא ווען דוד המלך איז כביכול נכשל געוואָרן מיט אַ חטא**, ווי עס שטייט אין דעם אויבנדערמאָנטן **זוהר הק'** (פרשת משפטים) אַז דוד המלך האָט געזונגען צום אויבערשטן אפילו ווען ער איז געווען בצער. די טיפסטע צער וואָס דוד המלך האָט געהאַט, איז געווען דער מכשול פון בת שבע.

ווען אַ צדיק ווי דוד המלך גייט אַריבער סיי וועלכע גשמיות'דיגע שוועריגקייט, **לעבט ער מיט אַן אמונה אַז אַלעס האָט אַ חשבון**, ער ווייסט אַז אַלעס איז לטובה, און ער פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן. אָבער ווען אַ צדיק זעט אַז ער איז נכשל געוואָרן מיט אַן ענין פון חטא, **איז דאָס אַ שרעקליכער צער!** דער צדיק האָט דאָך אַ דערהער וואָס פאַראַ צער דאָס איז גורם פאר דער שכינה הק' און פאר אַלע עולמות עליונים. **ס'איז נישט בלויז זיין פריוואַטער צער**, אַז ער האָט פאַרלוירן געלט; אָדער עפּעס האָט זיך צעבראָכן; אָדער ער האָט געוואָלט אַ געוויסע זאַך און ס'איז נישט געגאַנגען לויט זיין פּלאַן; אָדער איינער האָט אים געטשעפּעט, וכדומה, **נאר ס'איז אַן אמת'ער צער** וואָס אויך דער אויבערשטער כביכול האָט דעם צער.

## אפילו דער חטא ברענגט אַ לימוד פון תשובה

מיר קענען נישט משיג זיין דעם טיפן צער פון דוד המלך נאָכ'ן חטא, אָבער **אפילו דעמאָלט** האָט ער געזונגען צום אויבערשטן טאַקע מתוך דעם צער: **למנצח מזמור לדוד בבוא אליו נתן הנביא כאשר בא אל בת שבע.** ווייל דוד המלך האָט פאַרשטאַנען דעם גרויסן לימוד וואָס מ'קען אַרויסלערנען פון דעם חטא. וועלכער לימוד? דער לימוד פון תשובה! ווי די **גמרא** זאָגט (שבת נו, א. ע"ז ד, ב): אַז 'כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה', נאר ס'איז געווען '**להורות תשובה ליחיד**'.

ווען דוד המלך האָט געזען אַז מ'קען דערפון אַרויסלערנען אַ תשובה ליחיד, האָט ער געזאָגט: **אויב אַזוי איז קיינמאָל נישט דאָ קיין גבול צו דעם טוב!** נישט נאר ווען ס'איז אַ גשמיות'דיגע צרה קען מען זאָגן: "ס'איז געווען לטובה, מ'וועט נאָך זען די טובה דערפון, מ'ווייסט נישט די חשבונות שמים". נאר אפילו ברוחניות ענדיגט זיך קיינמאָל נישט דער טוב פונעם אויבערשטן. ס'איז אָן קיין גרעניצן. אפילו אַ רוחניות'דיגער צער וואָס ס'איז נישט שייך צו משיג זיין דעם טיפן ווייטאָג דערפון, **קען מען פון דאָרט אויך אַרויסלערנען אַ לימוד אויף תשובה.** אויך ווען ס'איז אַן ענין פון חטא וואָס דער מענטש שפירט אַז ס'איז אַ 'מעוות לא יוכל לתקון', אפילו דעמאָלט קען מען אַרויסנעמען דערפון אַ קרבת אלקים.

## ווי שנעלער מען פאַרבעסערט זיך, אַלץ שנעלער איז עס 'טוב'

יעדעס מאָל ווען אידן גייען דורך אַ שוועריגקייט אָדער ווייטאָג, איז **דוד המלך אונזער רבי** וואָס איז אונז מגלה אַז אין יעדע 'רעה' ליגט באַהאַלטן אַ 'טוב'. נישט אַלעמאָל זעט מען גלייך דעם טוב אויפ'ן פּלאַץ. **ווען וועט נתגלה ווערן דער טוב דערפון? ווען ס'וועט זיין למען אלמד חוקיך.** וויפיל מער ס'וועט זיין 'אלמד חוקיך', אַזויפיל מער וועט זיין 'טוב לי כי עניתי'!

דאָס איז אַזוי ווי אַ קינד וואָס באַקומט אַן עונש פון זיינע עלטערן אָדער מחנכים, אויב דער עונש האָט צוגעברענגט אַז ער זאָל זיך פאַרבעסערן, **דעמאָלט ווערט גלייך נתברר אַז ס'האָט זיך געלוינט דער עונש.** אָבער ווילאַנג ס'האָט נאָכנישט צוגעברענגט דעם תכלית, דאַרף מען וואַרטן אַז ס'זאָל נתגלה ווערן דער טוב. **דער עונש האָט אין זיך אַלעמאָל דעם כח פון טוב, אָבער ס'דאַרף אַרויסגיין מכח אל הפועל.** דאָס זעלבע איז ביי אונזערע שוועריגקייטן אין לעבן: ווען מ'איז מקיים דעם **למען אלמד חוקיך**, ווערט נתברר אַז די שוועריגקייטן זענען געווען כדאי - **טוב לי כי עניתי.**

ג

# למען יזמרך כבוד ולא ידום; דוד המלך לערנט אונז צו דאַנקן אפילו ווען ס'איז נאָך טונקל

## קבלת יסורים באהבה ברענגט חסדים

אידישע קינדער זענען מתפלל 'ותגמלנו חסדים טובים', אַז ס'זאָל אַלעמאָל זיין אָפענע חסדים, אָבער דער וועג וויאַזוי אַראָפּצוברענגען חסדים טובים איז **דורכדעם וואָס מ'איז מכיר אַז די יסורים זענען גוט** און דורכדעם וואָס מען איז מקבל די יסורים באהבה. ווי דער **אור החיים הק'** זאָגט (פרשת ויגש) אַז די רפואה פאר יסורים איז ווען מ'נעמט דאָס אָן. **סמא דיסורי קיבולי.**

פאַרוואָס איז דאָס די רפואה פאר יסורים? ווייל ווען דער מענטש איז מקבל זיינע יסורים וואוסנדיג אַז דאָס איז גוט, **ברענגט ער נאָענטער זיין נפש צום**

**אמת!** ווילאַנג דער מענטש לעבט מיט אַ שקר און מיט אַ בלבול, שפּירט ער אינגאַנצן פאַרלוירן. אָבער ווען דער איד ברענגט נאָנטער זיין נפש צום אמת פון דער תורה, צו פאַרשטיין אַז דער אויבערשטער איז אים אַלעמאָל מטיב, ברענגט דאָס אים יראת ה' מיט אהבת ה', און דעמאָלט קען ער אָנקומען צו דער מדריגה פון 'מברך על הרעה כשם שמברך על הטובה', **וואָס דאָס ברענגט אים טאַקע געוואַלדיגע חסדים.**

דאָס איז דער אורו של משיח, ווען אַ איד דאַנקט אפילו ווען ס'גייט אים שווער! משיח וועט מגלה זיין אַז אַלעס וואָס איז פאָרגעקומען איז געווען נאר לטובה. **לעתיד לבא וועט מען עס זען בחוש**, אָבער דערווייל איז די עבודה פון אַ איד **צו ממשיך זיין דעם אורו של משיח דאָ אינעם גלות.** ער זאָל שוין זינגען נאָך איידער ער זעט דעם 'טוב' מיט די אויגן.

## מהולל אקרא ה' – דאַנקן בשעת די צרה

אַזוי זאָגט **רש"י** אויפ'ן פּסוק (תהלים יח, ד) **מהולל אקרא ה' ומאובי אושע**, אַז דוד המלך האָט געדאַנקט און געלויבט דעם אויבערשטן **נאָך איידער ער האָט געזען די ישועה**, בשעת ער האָט זיך געפינען אין דער צרה! ווייל ער איז געווען אַזוי זיכער אַז דאָ ליגט באַהאַלטן אַ טובה. ער האָט געוואוסט אַז דער אויבערשטער וועט אים אַרויסנעמען, און אַז דער רבוש"ע האָט דאָס נאר געמאַכט כדי אים צו לערנען עפּעס.

דוד המלך זאָגט פאַר אידישע קינדער: **דו קענסט שוין יעצט אָנהויבן צו זינגען**, ווייל דיין זינגען גייט נישט זיין 'לשוא'. מיר שפּירן דאָס נישט,

# עס זענען דאָ אַזעלכע סאָרט הבנות וואָס מ'קען נאָר באַקומען נאָכ'ן דורכגיין אַ צער

דאָס האַרץ איז נאָך פאַרוויטאָגט, אָבער **באמת קען מען שוין זינגען, ווייל דאָס איז דער אמת!** פון יעדע צרה קומט אַרויס אַ געוואַלדיגער טוב.

## תהלים איז אַ מתנה פאַר אַלע דורות

דער הייליגער **תפארת שלמה** זי"ע האָט געזאָגט[א] אַז ביי אהרן הכהן שטייט **'וידום אהרן'**; ווען ס'איז געווען 'בקרובי אקדש' האָט ער געשוויגן. אָבער דוד המלך האָט מחדש געווען נאָך אַ העכערע דרגא: **'למען יזמרך כבוד ולא ידום'**. ער האָט נישט בלויז געשוויגן, נאָר ער האָט אפילו געזונגען צום אויבערשטן!

דער רבוש"ע האָט אונז דאָס אויסגעלערנט בהדרגה. צוערשט האָט ער אונז אויסגעלערנט ביים משכן, דורך אהרן הכהן, וואָס זיין שורש נשמה איז 'הוד', און ער האָט מקיים געווען דעם 'וידום אהרן'. שפּעטער האָט דער אויבערשטער געברענגט אויף דער וועלט דוד המלך, וואָס זיין שורש נשמה איז 'בדחנא דמלכא', און דער רבוש"ע האָט מגלה געווען פאַר אים אַ נייעם אור, **אַז מ'קען אויך זינגען אינמיטן די שוועריגקייט.** ווייל דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז **מיר זאָלן קענען זיך אָנהאַלטן דערויף אין אַלע שפּעטערדיגע צייטן.** מיר זאָלן האָבן אַ ספר תהלים, מיר זאָלן האָבן דעם מהלך פון דוד המלך, **צו דאַנקן דעם אויבערשטן אפילו אין די שווערע מצבים.** מיר זאָלן עס קענען אַרויסזאָגן פונעם מויל אפילו אויב מ'שפּירט עס נאָכנישט.

## מען איז אַרומגענומען מיט חסדים

אין דעם זעלבן קאַפּיטל זאָגט דוד המלך **כי רגע באפו חיים ברצונו.** מענטשן קוקן אים אן און פרעגן: "וואָס זינגסטו? וויאַזוי קענסטו זינגען? דו גייסט דאך אַריבער אַזעלכע שוועריגקייטן?... אָבער דוד המלך ענטפערט: **כי רגע באפו חיים ברצונו.** אויב דו קוקסט אויף דעם יעצטיגן פּינטעלע, זעסטו טאַקע אַז ס'איז דאָ 'אף', און דו וואונדערסט זיך וויאַזוי קען מען דאַנקן, אָבער **אויב דו קוקסט אויפ'ן גאַנצן בילד, וועסטו זען אַז ס'איז 'חיים ברצונו'!** בלויז איין סעקונדע איז חרון אף, און אַגאַנץ לעבן איז טוב.

עס איז דאָ אַזויפיל טוב! מיר זענען אַרומגענומען מיט טוב און מ'לעבט אַלעמאָל מיט חסדים און טוב. **והא ראי' אַז מ'ווערט אַזוי דערשראָקן ווען ס'קומט אַן ענין וואָס מ'זעט נישט דאָרט דעם טוב.** ווען אַ מענטש כאַפּט דעם יסוד קען ער אָנהויבן צו זינגען און מקיים זיין דעם אויספיר פון דעם קאַפּיטל: **למען יזמרך כבוד ולא ידום ה' אלקי לעולם אודך.**

---

א. ווען דער איידעם פון הייליגן תפארת שלמה, הרה"צ ר' ליפמאן מראדאמסק ז"ל, איז געפאָרן קיין קאָצק, האָט אים דער קאָצקער רבי זי"ע געבעטן אַז ער זאָל אים נאָכזאָגן דברי תורה פון זיין שווער, דער תפארת שלמה זי"ע. ער האָט דעמאָלט איבערגעזאָגט דאָס וואָרט און דער קאָצקער רבי האָט עס זייער שטאַרק משבח געווען.

# קביעת עתים לתורה

## כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו;

### ווי גליקליך איז דער איד וואס איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה

רעוא דרעוין שבת הבינני ויק"פ - החודש תשפ"ו

א

# בראתי תורה תבלין; תורה ראטעוועט פון דעם ביטערן עולם הזה

## א מעדיצינישע פראצעדור אן קיין איינשלעפונג מיטלען...

די גמרא זאגט אין מסכת **חגיגה** (דף ה, ע"ב) אז אויף דריי זאכן וויינט דער רבוש"ע כביכול. איינס פון זיי איז ווען א מענטש קען עוסק זיין אין תורה, און ער איז נישט עוסק אין תורה. **על שאפשר לו לעסוק בתורה ואינו עוסק.**

מ'קען פארשטיין די בכיה פון דעם רבוש"ע מיט א משל צו א דאקטער וואס ווייסט אז א פאציענט וועט דורכגיין א גאר ווייטאגליכער פראצעדור. מ'דארף שניידן און ס'טוט זייער וויי. אבער מ'קען נעמען עפעס א פיל וואס זאל איינשלעפן דעם גוף, אז בשעת מען שניידט זאל מען גארנישט שפירן, און מ'זאל נישט דורכגיין די צער.

מאכט זיך אמאל וואס דער דאקטאר ווערט געוואויר אז מ'האט געשניטן און מ'האט פארגעסן צו געבן דעם מעדיצין וואס מאכט אז ס'זאל נישט וויי טון, און דער דאקטאר צעוויינט זיך, דער דאקטאר טראכט: "וואס? **דו ביסט דורכגעגאנגען דעם פראצעדור אן דעם וואס מ'זאל דיר געבן די זאכן וואס האלט אפּ אז ס'זאל נישט וויי טון?** ס'מוז דאך זיין אז ס'איז געווען א געפערליכער צער, דו האָסט זיכער מיטגעמאכט געפערליכע יסורים!"

## דער יצר הרע איז שרעקליך, אבער ס'איז דא א רפואה!

דער רבוש"ע האט אריינגעלייגט א נשמה אויף דעם וועלט, און ער זאגט אונז קלאר אז ס'איז דא א יצר הרע, **אבער ס'איז דא א תורה וואס איז 'תבלין'** קעגן דעם גרויסן יצר הרע.

דער יצר הרע וואס דער אויבערשטער האט געלייגט אויף דער וועלט איז געפערליך. די נסיונות נעמען דעם מענטש און שלעפן אים אראפ. דער יצר הרע שניידט שטיקער פון אים; ער שלעפט אריין אין עצבות און אין שאול תחתית; ער מאכט קאליע דעם מענטש'נס גשמיות, זיין רוחניות, זיין עתיד, זיינע קינדער, זיין פאטענציאל, זיין נשמה, זיין עולם הבא. אלעס! **דער יצר הרע האט באקומען א כח צו רייסן שטיקער פון דעם מענטש**, אים אינגאנצן צעשניידן און אוועקווארפן.

אבער דער אויבערשטער האט געזאגט אז **ס'איז דא איין רפואה**, 'אני ה' רופאך', **ס'איז דא א תורה, און די תורה שלעפט ארויס דעם מענטש**. די תורה קעמפט קעגן דעם יצר הרע!

דעריבער, ווען דער רבוש"ע הערט אז ס'איז דא א איד וואס דרייט זיך דא אויף דעם וועלט און ער לערנט נישט, 'אפשר לו לעסוק בתורה ואינו עוסק', איז דאס מעורר א געוואלדיגע בכיה כביכול. **דער אויבערשטער האט אזוי רחמנות אויף אים!** דער רבוש"ע זאגט: **"איך וויס פונקטליך וואס מיינט זיין אין עולם הזה אן קיין לערנען!** איך האב דאך באשאפן דעם יצר הרע, איך וויס דאך פונקטליך וואס ער איז. ה' ירחם. **דו דרייסט זיך דא אויף דעם וועלט און דו לערנסט נישט?** דאס מיינט דאך אז ס'איז געפערליך! דאס מיינט אז דו גייסט דורך אזעלכע יסורים!"

### די עצם מציאות פון עולם הזה אן קיין תורה איז ביטערע יסורים

די **גמרא** זאגט אין מסכת ברכות (דף ה, ע"א): ריש לקיש האט געזאגט אז איינער וואס איז עוסק אין תורה איז **יסורים בדילין הימנו**. פרעגט די גמרא: דאס ווייסן דאך תינוקות של בית רבן אויך, ווי דער פסוק זאגט: **אם שמוע תשמעו לקול ה' אלקיך וכו' כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך**.

נאר האט רבי יוחנן האט געזאגט אז די מימרא גייט אנדערש: אויב איינער קען לערנען תורה און ער לערנט נישט, דעמאלט קומט חלילה געפערליכע יסורים. די גמרא דרש'נט דעם פסוק: **'החשתי מטוב'** - אויב א מענטש שווייגט פון תורה, דעמאלט איז 'וכאבי נעכר' - קומט אויף אים יסורים מכוערים ל"ע.

**ווען ער וואלט פארשטאנען וואס תורה קען מאכן מיט אים, וואלט נישט געווען שייך אז ער זאל מבטל תורה זיין!**

וועלכע יסורים קומען אויפ'ן מענטש? **דער עצם מציאות פון עולם הזה אן תורה, דאס זענען די יסורים!** ס'קומט אויף אים דער גאנצער הלוך ילך פון דער וועלט. ער ווערט אריינגעשלעפט אין אלע זאכן וואס זענען 'מוציא את האדם מן העולם'. די תאוה הייבט אן קריכן ביי אים; עס צערודערט און מאכט אים חרוב; די דמיונות פון כבוד לייגן אים אריין לטמיון, און דאס פאסירט פון זיך אליינס. **אויב א מענטש לערנט נישט, געשעט דער חורבן פון זיך אליינס.** דער אויבערשטער האט באשאפן דעם וועלט, און ער איז אונז מגלה וויאזוי ס'ארבעט!

### ווי גרויס דער יצר הרע, איז אבער די תורה שטארקער

דער **מהר"ל** ברענגט (תפארת ישראל פרק כ"ה), אז שבועות איז דאך די איינציגסטע מאל וואס מ'האט געברענגט א קרבן פון שתי הלחם וואס איז געווען חמץ. געווענליך איז די הלכה - ווי מ'זאגט ביים דאווענען - אז **כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לה'**. חמץ איז מרמז קעגן דעם יצר, און מ'קען דאס נישט אריינברענגען אין בית המקדש, מ'קען נישט מקריב זיין א קרבן וואס האט מיט חמץ.

פארוואס איז שבועות א יוצא מן הכלל? זאגט דער מהר"ל, ווייל שבועות איז דער זמן פון קבלת התורה, און **ווי גרויס דער יצר הרע איז, איז אבער די תורה שטערקער!** אויב מען איז נאנט צו די תורה, **קען אפילו חמץ זיין אינעווייניג, און ס'וועט נישט קענען שולט זיין אויף דיר!** די תורה גייט אויפהייבן דעם מענטש אז דער יצר הרע קען זיין נעבן דיר, אבער ער קען נישט שולט זיין אויפ'ן מענטש.

### די שטארקסטע תחבולות היצר - אז מ'זאל נישט לערנען

דער יצר הרע לייגט זיך טאקע אריין זייער שטארק אין דעם ענין: צו מבטל זיין דעם מענטש פון תורה. ווייל דעמאלטס האט דער יצר הרע אלעס! ער דארף נישט ארבעטן אז א מענטש זאל האבן תאוות, דער גוף ארבעט שוין ממילא. ער דארף נישט ארבעטן אז א מענטש'נס קאפ זאל זיך אריינלייגן אין שטותים, דאס גייט געשען ממילא. **ער דארף ארבעטן אויף איין זאך: "אז דער מענטש זאל נישט לערנען".**

דאס קען קומען דורך עצלות, און דאס קען קומען דורך יאוש. וויפיל טויזנטער מענטשן דרייען זיך ארום, און **די סיבה פארוואס זיי לערנען נישט איז צוליב יאוש.** זיי קענען זיכער טרעפן דעם וועג וויאזוי צו עפענען נאכאמאל די תקוה אז זיי קענען יא שטארק מצליח זיין, זיי קענען יא מצליח זיין צו לערנען יעדן טאג, צו פארשטיין לערנען, צו געדענקען לערנען, צו מחדש זיין אין לערנען. **אבער זיי האבן זיך מייאש געווען, און דער יאוש איז א ריזיגער עצת היצר!** דער בעל דבר לייגט אלע כוחות אויף דעם, און דער רבונו של עולם וויינט כביכול.

ווען א מענטש לערנט נישט פעלט אים א געוואלדיגע אמונה, ווי די **גמרא** זאגט אין מסכת סנהדרין (דף צט ע"א) אז דער פסוק **'כִּי דְבַר ה' בָּזָה'** גייט ארויף אויף איינער וואס איז מבטל תורה. ס'שטייט דארט זייער געפערליכע זאכן, 'הכרת תכרת', ווייל דער מענטש שעצט נישט גענוג די הייליגע תורה. **ווען ער וואלט פארשטאנען וואס תורה קען מאכן מיט אים, וואלט נישט געווען שייך אז ער זאל מבטל תורה זיין!**

ב

## המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול; איין וואונדערליכע רפואה פאַר אלע פראבלעמען

### די דריי מהלכים וואס שלעפן אוועק דעם קאפ פון לערנען

דער יצר הרע פארשלעפט אונז מיט אלע סארט וועגן. די **גמרא** זאגט (יומא לה, ב) אז די עיקר דריי וועגן וויאזוי דער יצר הרע מאכט א מענטש זאל נישט לערנען, איז מיט די דריי תירוצים פון 'עניות', אדער 'עשירות', אדער "יצרו תקפו'.

די גמרא זאגט דארט: **הלל מחייב את העניים.** אן ארימאן שפירט אז ער קען נישט לערנען ווייל ער איז אזוי געדרוקט אין געלט, ס'רייסט אים אוועק, און ס'נעמט אים צו זיין ישוב הדעת. ער קען נישט זיצן און לערנען וויבאלד ער טראכט פון זיינע חובות; פון זיינע בילס וואס ווערן גרעסער און שווערער.

די גמרא זאגט ווייטער: **רבי אלעזר בן חרסום מחייב את העשירים.** איינער וואס איז פארנומען אין מסחר. 'מרבה נכסים מרבה דאגה'. ער דארף דאגה'ן, ער דארף אינזין האבן, ער האט אזויפיל זאכן וואס האלטן אינמיטן, און ס'רייסט אים אוועק די קאפ אז ער קען נישט לערנען מיט ישוב הדעת.

און די גמרא פירט אויס: **יוסף מחייב את הרשעים.** יוסף הצדיק איז מחייב א מענטש וואס האט א יצר הרע און זיין רגש שלעפט אים אראפ צו וועלן טועם זיין תענוגי עולם הזה, אבער די תורה איז שטערקער.

### יעדער איינער האט די אלע דריי תירוצים...

דער **מהר"ל** (נתיבות עולם נתיב התורה פ"ד) איז מסביר די גמרא, אז **דאס זענען די דריי שורשים וואס ציען אוועק א מענטש פון לערנען.** אויב מיר זאלן זיך מתבונן זיין אויף אונזער לעבן, וועלן מיר זען אז יעדער איינער פון אונז האט אלע דריי זאכן וואס מאכט אז מ'זאל נישט לערנען.

יעדער מענטש האט ערגעץ וואו אן **עניות.** אפילו ווען מ'איז נישט איינגאנצן אן עני אין אלע ענינים, אבער **ער האט פלעצער וואו ער שפירט אז ס'פעלט אים.** ער איז פאר'דאגה'ט וועגן דעם, און ס'דריקט אים, זה בכה וזה בכה. יעדער איד וואס האט שוין א שטיקל משפחה, און בפרט ווען ס'איז שוין א גרעסערע משפחה, **איז דא מער ווי איין פלאץ וואו ער שפירט אן עניות.** געלט איז איינס פון די זאכן, אבער ס'איז דא נאך פלעצער וואו ס'דריקט אים זייער שטארק זיינע חסרונות.

יעדער מענטש האט אויך א נסיון פון **עשירות,** אין דעם פלאץ וואו ער פארדינט יא געלט. ער האפט אז דארט וועט חל זיין די ברכה, און ער וויל נאר צוענדיגן צו פארדינען מער געלט, און דאס שלעפט אים ווייטער... דער נסיון פון עשירות איז שייך ביי יעדע ביזנעס. מסחר איז א זאך וואס בטבע ציעט עס דעם מענטש. ס'ענדיגט זיך קיינמאל נישט. און מ'דארף דאס גוט דערהערן אז ס'וועט קיינמאל נישט זיין א באגריף אז דער נפש וועט נישט זיין מחובר דערצו. **אויב מען לערנט זיך נישט אויס וויאזוי זיך אפצוריסן דערפון רגשות'דיג, וועט עס אלעמאל נאכלויפן דעם מענטש.**

יעדער מענטש האט אויך א נסיון פון זיינע **תאוות**. סיי איינער וואס פרובירט זיך קריגן מיט זיין יצר, וואס דאס אליין מאכט אז זיין רגש איז ערגעץ אנדערש, ס'שלעפט אים. און סיי ליידער די טמטום הלב וואס קומט אויפ'ן מענטש נאכדעם וואס מ'איז חלילה נכשל געווארן. עס נעמט צו זיין גאנצע געשמאק און געפיל, ער איז אראפגעשלעפט, ער איז בעצבות, ער איז בעצלות.

### מקבל זיין דעם עול תורה מיט א זיסקייט

די אלע סארט זאכן זענען דער היפוך הגמור פון קענען מצליח זיין אין תורה. און א מענטש איז בדרך כלל א געמיש פון אלע דריי צוזאמען. אבער אויף דעם זאגט אונז די גמרא דארטן, אז **די תורה איז די רפואה פאר די אלע דריי.**

מען מוז זיך צוגעוואוינען אז ס'איז אמת טאקע אז אין אנהויב איז דאס זייער שווער, אבער **ווען דו וועסט זיך ארייננוארפן אין תורה וועט אלעס אוועקגיין.** א איד דארף זיך בלויז קריגן מיט זיך, ער זאל מוסיף זיין מיט א חברותא, ער זאל מוסיף זיין א לימוד, ער זאל זיך רייסן צו אויפשטיין פרי, אדער צו מאכן א קביעות פון א בלאט, אדער אן עמוד, וואס **בשום אופן לייגט ער זיך נישט שלאפן בעפאר ער ענדיגט דאס נישט.** ער האט א פרעשור, ער נעמט אויף זיך צו מקבל זיין עול תורה!

## דו ביזט נישט דער ערשטער מענטש וואס האט אזעלכע שווערע נסיונות

יעדער איינציגסטער מענטש איז מחויב צו מקבל זיין עול תורה. **יעדער לויט זיין דרגא דארף זיך מקבל זיין א זאך וואס גייט אים ברענגען אן עול.** אויב ס'איז נישט מיט קיין עול, האט עס נישט קיין כח אראפצונעמען די אנדערע עול. **דער 'מעבירין ממנו עול דרך ארץ' איז נאר ווען ער נעמט די תורה מיט א פרעשור.** אוודאי דארף עס זיין מיט א זיסקייט, אבער אויך מיט אן אחריות, און מיט א קבלת עול. יעדער מענטש לויט דער יצר וואס ער האט, **אזא גרויסע עול דארף ער נעמען אויף זיך,** ווייל אויב נישט קען ער נישט מצליח זיין.

### איין זאך קען אויסהיילן אלע צער און יסורים

דער אויבערשטער העלפט פאר אזא סארט מענטש! **אויב ער איז א 'הבא לטהר' וועט אים דער אויבערשטער זיכער העלפן.** מ'דארף אבער וויסן: ווי לאנג דו וועסט נישט זיך קריגן מיט די דריי זאכן, וועט דאס אוועקנעמען דיין גאנצע חיות, און דער אויבערשטער וועט כביכול וויינען: "נעבעך וואס דו גייסט דורך".

ס'איז נישט שייך זיך צו דרייען אויף דער וועלט און נישט עוסק זיין בתורה. ס'איז דא אזויפיל מענטשן וואס גייען אריבער אמת'ע טיפע צער מיט עגמת נפש אז ס'איז א שרעק. מ'זעט צומאל מענטשן וואס מ'קען וויינען נאר פון קוקן אויף זייערע פנים'ער, פון די צער מיט יסורים וואס זיי גייען דורך. דער אויבערשטער האט שוין אויף דעם מעיד געווען, אז **ס'איז דא איין זאך וואס קען העלפן די אלע אידן!** ס'איז דא איין זאך וואס קען זיי לעכטיג מאכן! די תורה האט דעם כח!

### והוא שעמדה לאבותינו ולנו, בכל דור ודור

דאס איז געווען דער כח פון אידן אין אלע דורות. מיר זענען נישט יעצט געבוירן דאס ערשטע מאל. **דו ביזט נישט דער ערשטער מענטש וואס האט אזעלכע שווערע נסיונות.** ס'איז אמת, קיינער האט נישט געזאגט אז דיינע נסיונות זענען נישט ביטער, אבער קוק צוריק, 'שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך'. ווען אידן געווען אונטער דער אייזערנער פארהאנג אין רוסלאנד; ביי דער אינקוויזיציע; ביי דער ערשטער און צווייטער וועלט מלחמה און אינצווישן און נאכדעם. אידן זענען דאך דורכגעגאנגען שבעה מדורי גיהנם. **אבער דער בלאט גמרא וואס אידן האבן געלערנט, דאס האט זיי אזוי געהאלטן!** עס האט זיי אזוי לעכטיג געמאכט! עס האט זיי אזוי אויפגעהויבן!

און דאס ארבעט ווייטער. **אוי ארבעט עס!** עס ארבעט אזוי געוואלדיג. בשעת ווען מיר רעדן דא, זענען דא טויזנטער מענטשן וואס כאפן זיך אן אין דעם, און זיי האבן הנאה, און זיי דערהייבן זיך, און זיי לעבן אויף אן אופן וואס מ'קען זיך נישט פארשטעלן.

### גלייבן און מתפלל זיין אז די תורה זאל אונז היילן

א איד דארף נאר מחליט זיין מיט א תמימות און אמונה אז ער גייט נישט פארלאזן די גמרא, **ער גייט נישט פארלאזן די תורה, ביז ס'ארבעט אויף אים!** אויב א מענטש איז זיך מייאש אינמיטן, איז פשט אז ער גלייבט נישט אז ס'גייט ארבעטן. אונזער עבודה איז צו גלייבן אין דער תורה, זאת התורה לא תהא מוחלפת. ס'איז די זעלבע תורה וואס איז געגעבן געווארן בהר סיני. די תורה האט דער אייבערשטער געגעבן פאר יעדן אידיש קינד. **אויך פאַר דיר, מיט דיינע פראבלעמען, מיט דיין טיפע צער, מיט דיין שוואכע כישרון, מיט דיין עבר, מיט דיינע פעקלעך.** זאלסט בעטן דעם רבוש"ע מיט בכיות: "עפן אויף מיין הארץ אין תורה. דו האסט געגעבן אין רפואה פאר די אלע זאכן, ס'איז נישטא נאך א רפואה". דער אויבערשטער איז דיר מבטיח: "איך זאג דיר צו, אז די תורה גייט דיר העלפן", און אוודאי העלפט עס!

ג

## ותן חלקינו בתורתיך; יעדער איינער קען זיין דבוק צו תורה וואס רייניגט פון אלע פלעקן

### איין בלאַט - אַראָפּצונעמען טמטום הלב, נאָך אַ בלאַט - לימוד התורה

**חז"ל** זאָגן (ויקרא רבה פר' קדושים, אות כה) און דער **משנה ברורה** (או"ח סי' תרטו סק"ג) ברענגט עס אַראָפּ, אז איינס פון די מהלכים פון 'תשובה' איז צו מוסיף זיין אין לימוד התורה. **אויב ביז היינט האט מען געלערנט דף אחד, זאָל מען צולייגן לערנען שני דפים.** און דאָס זעלבע מיט'ן זמן, אויב מ'האט געלערנט אביסל, זאָל מען מוסיף זיין צו לערנען

מער צייט.

דער פּשט דערפון איז, ווייל **תורה האט א כח צו אָפּריניגן דעם טמטום הלב פונעם מענטש**. דעריבער ווען איינער ווייסט אז ער איז א בעל חוב, דארף ער לערנען צוויי דפים. דער ערשטער דף - כדי **אראפצונעמען דעם טמטום הלב**. און דער צווייטער דף - צו **מקיים זיין מצוות לימוד התורה** נאכדעם וואס מ'איז אַביסל אפגערייניגט. ער קען נישט יוצא זיין מיט'ן ערשטן בלאַט. ער דארף צולייגן אין תורה, ווייל ס'איז דא צוויי מטרות אין זיין תורה.

## ווילאַנג מ'האָט חובות דאַרף מען צולייגן ארבעט...

משל למה הדבר דומה: איינער איז געווארן א גרויסער בעל חוב, און ער פרובירט זיך שטעלן אויף די פיס. ער האט גענומען אן ארבעט, און **ער פאַרדינט אפילו בריווח ב"ה, אבער ער דעקט נאָך אלץ נישט**. פארוואס דעקט ער נישט? וויבאלד אז ער האט יעצט צוויי פראבלעמען: ער דארף ווייטער פארדינען כדי צו קענען דעקן דעם חודש, אָבער **אויסערדעם דאַרף ער באַצאָלן אַלטע חובות פאר די גמ"חים און פאַר'ן באַנק**. ער דארף קענען 'דזשאגלען' צוויי זאכן אויף איינמאל, סיי דעם עתיד און סיי דעם עבר.

ווען ער וואלט געהאט אפגעמעקט אלע חובות פון אמאל, וואלט ער געקענט פון זיין ארבעט ענדיגן דעם חודש. אָבער היות ער דארף אויך אינזין האבן אלטע חובות, לייגט אים דאָס אוועק, ער קען זיך נישט אַרויסדרייען דערפון.

דער מהלך בדרך הטבע פאר אַזאַ מענטש - אויסער תפלה מיט בטחון - איז אַז ער דאַרף צולייגן שעות צו זיין אַרבעט. **ער קען נישט האבן די רואיגקייט און די באקוועמליכקייט אז ער ארבעט ביז פינף אַזייגער און נאָכדעם איז ער געענדיגט**. ער דארף צולייגן נאַכט שעות, ער דארף צולייגן א זונטאָג, וויבאלד ער ווייסט אז ער האט פריערדיגע חובות.

שפּעטער, ווען ער זעט אז די חובות דעקן זיך, צוביסלעך רוקן זיך די נומערן אראפ, גיט אים דאָס אַסאַך חיזוק. **ער קען שוין נישט ווארטן אויף דעם טאג ווען ער גייט זען אז ער איז גערייניגט און זיינע חובות זענען געענדיגט**. ער שפּירט אז ער גייט ווערן א בן חורין.

## בלויז דורך תורה ביגיעה ווערט מען ריין

איינער וואס וויל באמת מצליח זיין אין תורה, מוז ער נעמען אין חשבון אז אויב מ'וויל לערנען נאר אויף א באקוועמען אופן, **לאָזט מען זיך נישט אנקומען צו דער לעכטיגער וועלט!** ווען ער וויל נאר לערנען אַביסל, צו זיין באקוועם, און ס'איז נישטא די יגיעה דערביי; ס'איז נישטא די אָנשטרענגונג אַז אפילו ווען ס'איז שווער רייסט ער זיך, ער קריגט זיך מיט זיך, ער גנב'ט אַראָפּ צייט, **דעמאלט ווערסטו זיך נישט קענען אַרויסדרייען פון די רוחניות'דיגע פּראָבלעמען**.

לב יודע מרת נפשו, יעדער איינער ווייסט זייער גוט דעם 'טימטום הלב' וואס ליגט אנגעלייגט אויף אונז. **און אָט דער טימטום הלב לאזט נישט הנאה האבן פון דעם אור פון תורה, און** פון די קרבה מיט'ן רבונו של עולם. אָבער באמת איז עס נישט אַזוי ווייט, לא בשמים היא, מ'דארף נאר טון וואס ס'פאדערט זיך.

אויב א מענטש לערנט און ער איז מוסיף נאָך תורה, אפילו ווען ס'איז אים שווער, ער מאכט זיך אַזעלכע סארט שיעבודים און ענינים אז ער זאל האבן פון דעם אַ יגיעה, און ער האט דערביי אינזין: "דער אויבערשטער זאל העלפן אז די תורה וואס איך לערן זאל אפרייבן מיינע אלטע פראבלעמען". **וועט דער אויבערשטער אים העלפן און ס'וועט אים באמת לעכטיג ווערן!** ווייל וואס די תורה קען טון צו אַ מענטש, קען קיין שום אנדערע זאך נישט אויפטון! ספעציעל ווען דער מענטש דארף אראפנעמען אלטע פרשיות וואס ליגט אויף זיין הארץ, 'עבירות', מיט 'עבר', און אַלע ערליי סארטן טמטום הלב וואס איז דאָרט אנגעלייגט, **אויב מען לערנט תורה מיט אן ערנסטקייט טוט עס אויף א געוואַלד!**

## יעדער איינער קען זיין דבוק צו תורה הק'!

דער יצר הרע לייגט אריין ביי מענטשן אזעלכע סארטן הבנות כאילו אַז ער איז בכלל נישט שייך צו תורה. ער איז משועבד מיט כל מיני זאכן, מיט אחריות'ן וואס ער האט פון שטוב, מיט אחריות'ן וואס ער האט פון די ארבעט, און ס'איז פשוט נישט נוגע פאַר אים... **ס'איז דאָ א ספעציעלער יצר וואס זאגט אז ס'איז פשוט טעכניש נישט שייך**. ס'איז אבער נישט אמת! בדרך הטבע זעט טאַקע אסאך מאל אויס אז ס'איז אוממעגליך. אָבער דער אויבערשטער בעט פון אונז: "**פתחו לי פתח כפתחו של מחט, איך וועל דיר שוין עפענען דעם טיר! און איך וועל דיר שוין מאכן צייט**".

און די לעצטע עטליכע יאר האבן זיך געגרונדעט מער און מער כוללים פון בעלי בתים וואס לערנען אין מורא'דיגע אינטערעסאנטע זמנים, **ווייל זיי האבן געכאפּט אז זיי קענען יאָ לערנען!** עס זענען דא כוללים פון בעלי בתים וואס לערנען געהעריג פון צען ביז צוועלף אינדערפרי, מיט אַ געשמאק, מיט אַ ריתחא דאורייתא, מענטשן וואס האבן נישט געוואוסט אז עס איז בכלל שייך פאר זיי. אָבער אַצינד לערנען זיי אן קיין טעלעפאן, מ'זיצט און מ'האט הנאה, און מ'חזר'ט צוזאמען בדיבוק חברים.

אַנדערע כוללים לערנען נאכמיטאג. א יונגערמאן האט פאַרציילט אַז איינער איז צוגעגאנגען צו אים און אים געזאָגט: "מאַך זיך נישט נאריש, איך ווייס זייער גוט. נאך פיר אַזייגער טוט מען נישט קיין עכטע שינויים אין די ביזנעס. אינדערפרי טוט מען די אַלע ערנסטע זאכן, אבער נאָכמיטאָג שטופּט מען שוין די צייט, מ'נעמט קעיר פון זאכן וואס געדויערט באמת נישט אזויפיל צייט. פארוואס דארפסטו יעדן טאג אוועקגעבן די אַלע שעות?" און **דער יונגערמאַן האט זיך אריינגעזעצט אין א כולל פון פיר ביז זיבן יעדן טאג**. מ'לערנט, מ'לייגט נאך א בלאט און נאך א בלאט, מיט א געשמאק, מיט א קול תורה. ס'עפענט זיך אויף א נייער לעבן!

## מיט תורה איז דא 'זיכוך' און 'קבלת תפלות'

א מענטש דארף וויסן, אַז אפילו ווען בדרך הטבע זעט אויס כאילו ס'איז נישט שייך, **איז דאָס נאָך נישט קיין סיבה פאר ייאוש!** דאס דארף פשוט נאך תפילה, וויבאלד ס'איז נישט דא קיין אנדערע וועג זיך אָפּצורייניגן, נאר דורך תורה. ס'איז נישט דא קיין אנדערע וועג! ווילאַנג אַ מענטש לייגט נישט אריין זיינע כוחות, זיין רגש, זיין כשרון, אין דער תורה, וועט זיך נישט גוט אויסשפּילן די זאך, **ס'גייט נישט ארבעטן פאַר אים!** און איבערהויפּט ווען מען ווייסט אז מ'איז א בעל חוב. א מענטש איז דאך אַ גרויסער בעל חוב, ס'איז נישט קיין ווערטל, און די זאכן גייט מען צאלן. אָבער די יגיעה וואס א מענטש לייגט אריין אין תורה, **דאס וואשט אפּ זאַכן!**

די תפילות פון א איד ווערן מער נתקבל ווערן ווען א מענטש לערנט. "**מסיר אזנו משמוע תורה גם תפלתו תועבה**". א מענטש וואס לערנט נישט וועט אויטאמאטיש זיך שפּירן אין זיין תפילה אַ שטיקל רוגזא און טענות אויפ'ן אויבערשטן, ווייל דער מענטש איז ליידיג, ער איז אזוי צובראכן מיט זיך. ווי אַנדערש איז אָבער איינער וואס לערנט תורה. **איינס פון די סיבות פארוואס זיין תפלה ווערט אָנגענומען איז וויבאלד ער איז מער אויפגעלייגט!** ווען ער דאוונט צום רבונו של עולם איז דא דארטן חיות. ס'איז דאָ דאָרט א הכרה אין דעם רבוש"ע. זיין תפילה וועט באופן ממילא זיין א בעסערע תפילה.

## מסכים זיין צו צאלן דעם פרייז אין אנהויב

דער יצר הרע קומט אודאי מיט אלע חשבונות, אָבער א מענטש דארף מאכן א קבלה מיט א החלטה גמורה אז **ער גייט טון וואס ס'פאדערט זיך**. אמאל דאַרף מען אריבערגיין די בושה פון זוכן א חברותא, אמאל איז דאָס די בושה פון זיין אַ 'מתחיל', ווען טייל מענטשן זאגן הערות: "אה, האסט זיך גענומען..." און אַנדערע מענטשן זענען מחזק: "זייער שיין פון דיר..." מען איז מחליט ביי זיך אז מ'וויל צאלן דעם פרייז! **על דעת זה גיי איך אריין!** איך וועל האבן אביסל בושה, ס'וועט נאר צוהעלפן צו דער זאך. בושה איז מכפר, ס'וועט מיר נאר צוברענגען בעסער צום תכלית!

## לערנען מיט אַן ערנסטקייט

נאך א זאך וואס א מענטש דארף אינזין האבן, אז ער זאָל **לערנען אויף אַן אופן פון ערנסטע סארט לימוד**. ער רעדט נישט אויס אינמיטן; ס'איז נישט דא קיין ליצנות; ער קוקט זיך נישט אַרום; ער לייגט אוועק אלע זאכן וואס קענען מטריד זיין דעם מח. אזוויי דער שולחן ערוך ברענגט ביי די הלכות פון דאווענען, אַז מ'זאל מסיר זיין די טרדות פון דעם מח, ווייל ער גייט יעצט רעדן צו דעם רבוש"ע. **דאָס זעלבע איז ווען א מענטש זיצט און לערנט, ער רעדט צום רבוש"ע!**

אויב ס'וואלט געווען 'סעלפאָנס' אין די צייטן פון חז"ל, איז דאָך נישט קיין שאלה וואָס ס'וואָלט

געשטאַנען אין דער גמרא. ס'איז שרעקעדיג ווען מ'זעט די לשונות וואָס חז"ל דרוקן זיך אויס אויף דעם ענין פון 'דבר ה' בזה'. דער מענטש לערנט טאָקע, אָבער זיין קאָפּ איז אויך דאָ און אויך דאָרט; **אַביסל יאָ דאָ, און אַביסל נישט דאָ...** מען דאַרף מלמד זכות זיין אויף אידן, מ'דאַרף רעדן נאר גוטס אויף אידן, אבער מיר דאַרפן כאָטש וויסן **וואס אונז האבן צו טון!**

תורה אַרבעט! תורה ברענגט שפע, ס'ברענגט שמחה, עס ברענגט די פתרונות פאַר א מענטש, עס ברענגט אונז צו גלייבן אין דעם אייגענעם טוב. **אויב ס'אַרבעט נישט פאַר דיר, דאַרפסטו זען וואס דו טוסט נישט ריכטיג!** עפעס טויג נישט מיט דיין תורה, בכמות צו באיכות, בדרך כלל ביידע. יתלה בביטול תורה, יפשפש במעשיו.

### צוויי סאָרט מענטשן - ובחרת בחיים!

ווען א מענטש טראַכט אַז ער קען זיך נישט מתרכז זיין. **זאָלסטו דאָס רעדן מיט'ן אויבערשטן!** דער אויבערשטער גייט דיר טרעפן עפעס א וועג. רעד זיך אויס מיט אים. מ'קען אָנהויבן זיך קאָנצענטרירן אויף פינף מינוט, דערנאָך צען מינוט, און צוביסלעך וועט עס ווערן מער.

אין דעם דור וואָס מיר זענען יעצט - אין אלע דורות איז געווען אזוי, אבער אין דעם דור בפרט - זענען דא צוויי קבוצות פון מענטשן.

ס'איז דאָ איין סאָרט קבוצה פון אידן וואס האבן זיך גענומען, אָדער וואס האלטן זיך אינמיטן נעמען אין די הענט אריין. **זיי האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן.** זיי זענען געווארן ערנסטע מענטשן, זיי האבן גענומען א חברותא, זיי האבן זיך געמאכט א ציל, זיי האבן מטכס עצה געווען וויאזוי מ'קען דא משנה זיין עפעס. זיי האבן גערעדט צו א יועץ: "אפשר זאָל איך דאָס טוישן, אפשר דאָרט". זיי האָבן פרובירט מיט אַלע סאָרט מהלכים, און זיי האבן זיך געזעצט לערנען.

אָט די זעלבע מענטשן, ווען מ'קוקט זיי אן א יאר שפעטער, וועט מען זען אַז **דער אויבערשטער האט זיי געהאָלפן בדרך לא דרך!** מ'דאַרף נעמען אלעס אין חשבון, צומאָל איז אפילו דאָ א מענטש וואס נעמט עפעס אַ טאַבלעט כדי ס'זאָל אים העלפן זיך צו קענען קאָנצענטרירן, ווייל דאס איז געווען דער פּראָבלעם און ס'איז פשוט נישט געווען שייך אַנדערש. **אבער ער לערנט!** ער לערנט א בלאַט גמרא, ער לערנט עס מיט תוספות, ער לעבט, ער שיינט. א יאר שפעטער זאָגט ער: "איך בין א נייער מענטש!" ער האט געלערנט מסכת נדרים, מסכת נזיר, א.א.וו. ער שטייגט און ער וואַקסט.

און נאכדעם קען מען זיין פון דער אַנדערער קבוצה מענטשן וואס שטייען אין דער זייט. **ס'לויפט אַריבער נאך א חודש, און נאך א חודש, און עס גייט נישט אריין קיין נייע אינפאָרמאַציע פון תורה אין זיין קאָפּ...** ער קייעט איבער די נייעס פון דער זייט, און פון דער אנדערער זייט, ביז ס'איז אפילו נישט דא וואס איבערצוקייען אַזויפיל... ס'איז אזוי ווייטאגליך, אָבער ס'זענען דאָ יונגעלייט וואָס ס'קען דורכגיין אַהאַלבע יאָר וואָס ס'איז נישט אריינגעגאַנגען ביי זיי א נייע שטיקל ידיעה פון תורה. ער האָט שוין לאַנגע חדשים נישט געהערט קיין שום נייע חידוש אין תורה...

מיר דאַרפן מתפלל זיין צום רבונו של עולם, אַז **מ'זאָל נישט בלייבן מיט'ן אַלטן וועג**, עפעס זאל נשתנה ווערן, און דעמאלסט וועט ממילא די פּראָבלעמען אוועקגיין. דעמאָלט וועט זיין 'אורך ימים בימינה' און 'בשמאלה עושר וכבוד'. **אַלעס וואס א מענטש קען זיך נאר פאַרשטעלן, וועט אים די תורה געבן!** מיר דאַרפן בלויז מחליט זיין אַז מיר זענען מסכים צו צאָלן דעם פרייז, און ווען א מענטש קומט פון זיין זייט, העלפט אים דער אויבערשטער זיכער!

# אור החיים הק

## דברי תורה רפואה וחיים הם לכם;

דער רבוש"ע באגיסט אונז מיט אזויפיל ליבשאפט דורך זיין תורה

פאַרברענג ליל שישי יתרו תשפ"ו

א

## לתת להם נחלת גוים; די סיבה פאַרוואָס די אומות העולם האָבן נישט געקענט מקבל זיין די תורה

### וואָס איז געווען די טענה פון די אומות העולם?

אויף'ן פסוק 'והייתם לי סגולה מכל העמים', ברענגט דער **אור החיים הק'** דעם באַקאַנטן **מדרש חז"ל** אַז איידער דער רבוש"ע האָט געגעבן די תורה פאַר אידן, איז ער געגאַנגען צו די בני עשו און זיי געפרעגט: **מקבלים אתם את התורה?** האָבן זיי געזאָגט: **מה כתיב בה?** און השי"ת האָט זיי געענטפערט אַז ס'שטייט דאָרט **"לא תרצח"**. האָבן די בני עשו גע'טענה'ט: **רבונו של עולם כל עצמו של אותו אביהם רוצח היה** - וויאַזוי קענען מיר מקבל זיין אַ תורה וואָס וועט אונז צוריקהאַלטן פון רציחה? מיר לעבן דאך אויף דעם! אַזוי איז דער אויבערשטער געגאַנגען צו **עמון ומואב**, וואָס האָבן נישט געוואָלט אָננעמען דעם 'לא תנאף', און די **בני ישמעאל** האָבן נישט געוואָלט אָננעמען דעם 'לא תגנוב', מיט דעם זעלבן תירוץ אַז **'כל עצמו של אביהם לסטים היה'**.

פרעגט דער אור החיים הק' אַז דער מדרש איז תמוה: ערשטנס, **וואָס פאַרא טענה איז דאָס אַז זייער טאַטע איז געווען אַ רשע?** זיי קענען דאָך מקבל זיין פון היינט און ווייטער מער נישט צו טון אַזעלכע זאַכן! צווייטנס, **מי שאכל שום וריחו נודף, יחזור ויאכל שום?!** אפילו אויב זיי אַליין זענען נישט געווען ערליך ביז יעצט, קענען זיי דאָך אויפהערן זייערע מעשים! און דריטנס, **וויאַזוי קען זיין אַז דער אויבערשטער האָט טאַקע אָנגענומען זייער טענה?** ס'קוקט אויס דערפון אַז ס'איז דאָ געליגן עפעס אַ ריכטיגע דערהער אין זייער תשובה, אַז זיי קענען נישט מקבל זיין די תורה וויבאַלד זיי לעבן דערויף.

> דער אויבערשטער האט אויסגעקליבן פאַר אונז דאָס בעסטע

### השי"ת האָט אויסגעקליבן פאַר אונז דאָס בעסטע

זאָגט דער אור החיים הק' לעכטיגע ווערטער: **אָכֵן אֲשְׂכִּילְךָ** - לאָמיר דיר אויסלערנען. יעדע זאַך וואָס מ'זעט אין דער תורה הק', סיי מצוות עשה און סיי מצוות לא תעשה, איז דער טעם דערפון ווייל דער רבוש"ע האָט בוחן געווען אַלעס וואָס

ער האָט באַשאַפן, און **ער האָט אָנגעצייכנט יעדע זאַך וואָס פאַרמאָגט אין זיך רע, און ער האָט אונז אָפּגעשיידט דערפון.** ער האָט געזאָגט: "דאָס איז נישט פאַר אייך". דאַן האָט דער אויבערשטער **אָנגעצייכנט אויף יעדע זאַך וואָס איז טוב, און ער האָט אונז געהייליגט דערמיט:** "דאָס זאָלט איר יאָ נעמען". דער רבוש"ע זאָגט אַז די מצוות עשה זענען די בעסטע זאַך פאַר אונז און די מצוות לא תעשה זענען די ערגסטע זאַך.

דער אור החיים הק' ברענגט אַ לשון פון מכילתא: "**אמר ה' למשה, אמור להם לישראל, דברי תורה שאני נותן לכם, רפואה הם לכם, חיים הם לכם**". פּאַרוואָס שטייט אַ דאָפּלטע לשון 'רפואה' מיט 'חיים'? ווייל 'רפואה' מיינט מען די מצוות לא תעשה, **וואָס זענען אַ רפואה** אַז מ'זאָל נישט עסן אָדער טון קיין שלעכטע זאַכן. און 'חיים' גייט אַרויף אויף די מצות עשה **וואָס געבן אַ חיות** - אשר יעשה אותם האדם וחי בהם.

מיר דאַרפן צוגיין צו תורה ומצוות מיט אַזאַ ידיעה, אַז **דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבן פאַר אונז דאָס בעסטע.** מיר אַליין קענען נישט באַמערקן צווישן אַזויפיל מיליאָנען נבראים אויף דער וועלט, וועלכע זאַכן זענען גוט אָדער שלעכט פאַר אונז, **אָבער דער אויבערשטער ווייסט יאָ אַלעס, ער האָט עס דאָך באַשאַפן,** און ער זאָגט: "**איך דערצייל דיר ווייל איך ווייס.** דאָס זאָלסטו נישט נעמען ווייל ס'איז נישט גוט."

### דער וואָס האָט באַשאַפן די וועלט גיט אונז דירעקציעס...

דער אור החיים הק' ברענגט אַ ראיה פון די פסוקים וואו השי"ת זאָגט אונז אָן אויף די דברים האסורים, אַז ס'שטייט דאָרט דאָס לשון: 'אל תשקצו את נפשותיכם', 'אל תטמאו', ווייל דער אויבערשטער וויל אונז זאָגן אַז **זיין גאַנצע מחשבה כביכול איז אָפּצוהיטן אַז מיר זאָלן בלייבן אין דער קדושה.** ער וויל פאַרזיכערן אַז מיר פאַלן נישט אַריין אין פּראָבלעמען.

משל למה הדבר דומה: עס זענען דאָ אַזעלכע לאַטערי קאַרטלעך וואָס מ'דאַרף אָפּקראַצן דעם קאַרטל. אין אַסאַך דערפון טרעפט מען גאָרנישט, אָבער אין עטליכע קען מען געווינען אַ סכום געלט. ווען דער מענטש וואָס האָט געמאַכט די קאַרטלעך שיקט זיין זון איינקויפן עטליכע קאַרטלעך, **ווינקט ער אים אַזוי מיט די אויגן:** "נעם נישט פון דאָרט, נעם די אַנדערע... איך ווייס דאָך וועלכע ס'איז גוט פאַר דיר"...

ביי דעם משל איז בלויז דאָ צווי אויסוואַלן, קאַרטלעך וואָס האָבן געלט און אַנדערע וואָס האָבן גאָרנישט. אָבער ביי דעם נמשל **זענען אויך דאָ אַזעלכע קאַרטלעך וואָס זענען ממש געפערליך!** אויב דו וועסט עסן יענע מאכלים, אָדער טון יענע מעשים איז עס אַ שרעקליכער חורבן! אָבער ס'איז זייער באַהאַלטן. די וועלט זעט אויס אומשולדיג. וואָס איז דען אַ חילוק דער מאכל אָדער יענער מאכל? וואָס איז אַ חילוק צווישן אַזאַ סאָרט התנהגות און אַן אַנדערע? אַזאַ סאָרט געלט אָדער די אַנדערע? אָבער דער אויבערשטער זאָגט אין דער תורה: "ניין, ניין, גיי נישט דאָרטן. **איך ווייס עס, ווייל איך האָב באַשאַפן די וועלט.** אויב דו וועסט גיין דאָרט, וועט עס דיר לייגן לטמיון חלילה".

### די עבירות קומען פון דעם שורש הטומאה

זאָגט ווייטער דער אור החיים הק': **וְיֵשׁ לְךָ לָדַעַת כִּי כָּל בְּחִינַת מַעֲשֶׂה הָרַע יֵשׁ לָהּ שֹׁרֶשׁ בִּבְחִינַת רוּחַ הַטֻּמְאָה, וְכָל בְּחִינַת מַעֲשֶׂה הַטּוֹב הִיא בְּחִינַת שֹׁרֶשׁ הַקְּדֻשָּׁה וְהַטָּהֳרָה** - ווען אַ מענטש טוט אַ זאַך וואָס מ'טאָר נישט, **איז ער יעצט יונק פון דעם מקור הטומאה,** און ווען אַ מענטש איז מקיים אַ מצוה, **איז ער יונק פון דער קדושה.** און די נעמען פון די עבירות זענען בעצם די נעמען פון די טומאה. צום ביישפּיל: דער אמת'ער מקור פון דעם וואָרט 'גזל' איז אַ געוויסער נאָמען פון אַ טומאה. **ווען איינער טוט די עבירה פון 'גזל', איז ער יונק פון דער טומאה וואָס הייסט 'גזל'!** דאָס זעלבע איז מיט ניאוף און אַלע אַנדערע עבירות.

לויט דעם איז דער אור החיים הק' מסביר, אַז די אומות העולם זענען לכתחלה באַשאַפן געוואָרן אויף אַן אופן אַז **זייער גאַנצער שורש קומט פון דעם רע,** און דעריבער זענען זיי יונק פון די עבירות. זיי טוען זאַכן וואָס טויגן נישט, ווייל זיי קומען פון יענער טומאה. אויב מען פאַרלאַנגט פון זיי אויפצוהערן טון די שלעכטע זאַכן, זאָגט מען זיי אין אַנדערע ווערטער **אַז זיי זאָלן זיך אָפּהאַקן פון זייער מקור פון חיות!** זיי לעבן פון שמוץ און פון טויטע זאַכן, ווייל זענען זיי באַשאַפן געוואָרן פון אַזעלכע מקורות.

דעריבער ווען די אומות העולם האָבן געזאָגט אַז זיי קענען נישט מקבל זיין די תורה, **זענען זיי געווען גערעכט!** ווייל זיי לעבן דאָך פון די טומאות. אָבער פאַר די זעלבע סיבה פאַרוואָס די גוים האָבן נישט געקענט מקבל זיין די תורה, **האָבן אידישע קינדער יאָ מקבל געווען די תורה.** ווען דו גיסט פאַר אַ איד צו טועם זיין די סאָרט עבירות איז עס דער גרעסטער חורבן.

ב

## אתה תומיך גורלי; די אהבה וואָס ליגט אונטער יעדע מצוה

### מרוב אהבת ה' ווייזט ער אונז וואָס יאָ און נישט צו טון

ווען מ'איז זיך אַביסל מתבונן, שטייט דאָ **גרויסע יסודות וויאַזוי צוצוגיין צו קבלת התורה.** די ערשטע פּשוט'ע נקודה וואָס מ'לערנט אַרויס פון דעם אור החיים הק' איז: צו פאַרשטיין **וויפיל אהבה עס ליגט אין יעדע לא תעשה.** וויפיל אהבה ליגט ביי יעדע זאַך וואָס דער אויבערשטער זאָגט: "גיי נישט דאָרטן"... דער אור החיים הק' דערמאָנט אין די ערשטע פסוקים פון מתן תורה אַז די הכנה צו מקבל זיין די תורה איז דורך אהבה ויראה. עס זענען ס'איז דאָ אַזויפיל מצוות עשה און לא תעשה וואָס מען קען גרינג באַמערקן פאַרוואָס דאָס איז די בעסטע זאַך. און דורכדעם קען מען שפּירן אַ געוואַלדיגע אהבת ה'.

לדוגמא, די אַלע ענינים פון מדות טובות: אַז מ'זאל מוותר זיין, מ'זאָל זיך איינהאַלטן פון צוריקענטפערן, מ'זאָל איבערבעטן אַ צווייטן, מ'זאָל האָבן סבלנות, א.א.וו.. **די אַלע זאַכן זענען דאָך אַזוי גוט פאַר דער וועלט און פאַר יענער וועלט.** ווי געשמאַק איז פאַר'ן מענטש וואָס איז מקיים 'לעולם יהא אדם רך כקנה', אויב מ'בייגט אים קען ער זיך גלייך צוריקבייגן. ער ווערט נישט צעבראָכן און צעשאָסן, ווייל ער קען זיך אַלעמאָל צוריקבייגן. דער מענטש איז אַ 'רך לרצות', ער האַלט נישט אין אַ שנאה הונדערט יאָר ווייל יענער האָט אים אַמאָל עפּעס געטון: "וואָס איז געווען איז געווען, לאָמיר גיין ווייטער, לאָמיר זיך איבערבעטן". **דאָס איז אַזאַ זיסע לעבן אפילו אויף דער וועלט.** שוין אָפּגערעדט אַז אויף יענער וועלט איז דאָס נאָך זיסער.

**בייג זיך דעם קאָפּ, ס'איז נישט גוט צו זיין אַזאַ אויבער-חכם...**

### השי"ת פאַרטרויעט אונז מיט די סודות הבריאה...

דאָס זעלבע איז לגבי אַלע אַנדערע מצוות לא תעשה. ווען דער אויבערשטער זאָגט: "מדבר שקר תרחק, רעדט נישט קיין ליגנט". טראַכט דער מענטש: "פאַרוואָס נישט? ס'קען מיר מאַכן אַסאַך גרינגער... אַזוי וועל איך נישט דאַרפן אַריינגיין אין דיסקוסיעס וואו כ'וויל נישט אַריינגיין, כ'זאָג אַ ליגנט און געענדיגט"... **אָבער דער אויבערשטער זאָגט אַז ס'איז נישט גוט,** ווייל עס מאַכט חרוב ונחרב דעם נפש. **אין יעדע לא תעשה ליגט דאָך אַזויפיל אהבה.** דער אויבערשטער זאָגט מיט ליבשאַפט: "איך בין דיין טאַטע, איך האָב דיר ליב, און כ'זאָג דיר אַז איך האָב באַשאַפן די וועלט און ס'וועט דיר נישט גוט זיין".

דאָס איז פונקט ווי עלטערן זאָגן פאַר אַ קליין קינד וואָס וויל אַז מ'זאָל אים קויפן אומגעזונטע נאַשערייען: "עס לוינט זיך נישט צו עסן די נאַרישקייטן, ס'איז נישט גוט פאַר דיר". דער מענטש הייבט אָן אַ ביזנעס און ער טראַכט צו זיך: "דאָ קען איך אַביסל אָפּנאַרן, דאָ קען איך פאַרקויפן און נישט דערציילן, דאָ וועל איך שרייבן מיט קליינע אותיות"... אָבער דער אויבערשטער זאָגט: **"ס'וועט נישט אַרבעטן, ס'איז זייער נישט גוט פאַר דיר"...**

דאָס זעלבע האָט דער אויבערשטער אונז געגעבן אַ מצוות לא תעשה פון 'לא תתור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל' - **בייג זיך דעם קאָפּ, ס'איז נישט גוט צו זיין אַזאַ אויבער-חכם...**

אַזוי איז מיט אַלע עשרת הדברות און מיט אַלע מצוות התורה. ווען אַ איד איז אַ 'מסתפק במועט', **איז אים אַזוי ליכטיג און אַזוי באַ'טעמ'ט.** אַ איד וואָס איז מקיים דעם 'בטל רצונך מפני רצונו', ער איז מסכים מיטצוגיין מיט'ן אויבערשט'נס פּלאַן, איז דאָך אים אַזוי גוט. **ער לייכט און שיינט!** דער אויבערשטער זאָגט: "אויב דו גייסט זיך קריגן, דו גייסט זיין ברוגז, דו גייסט האָבן חשבונות מיט דעם און יענעם, וועט עס דיר נישט ברענגען קיין גוטס. איך האָב באַשאַפן די וועלט, איך בין דאָ פאַר דיר, איך זאָג דיר צו אַז ס'איז נישט פאַר דיין טובה". - **ווען מען גייט צו תורה ומצוות מיט אַזאַ בליק, בויעט עס אויף אַ געוואַלדיגע אהבה.**

ג

## וחיי עולם נטע בתוכינו; דער רבוש"ע לערנט מיט אונז אַלעמאָל - פאַר אונזער טובה

### אַ טייערע זאַך דאַרף מען פאַרזיכטיג באַהאַנדלען

נאָך אַ נקודה וואָס מ'לערנט אַרויס פון דעם אור החיים הק': דער רבוש"ע האָט אונז אַזוי באַשאַפן אַז **דער מענטש איז זייער אַ קאָמפּליצירטע און טייערע מאַשין.** דער נפש האדם איז אַ נצחיות'דיגע און אַ רוחניות'דיגע מאַשין, וואָס איז זייער הייקל און מורכב. ס'איז גאָרנישט אַזוי פשוט.

דער כלל איז אַלעמאָל ווען מ'האָט גאָר אַ טייערע זאַך, אַז **אויב מ'באַהאַנדלט דאָס אפילו אַביסל אומריכטיג, קען דאָס זיין אַ גרויסער חורבן.** לדוגמא, ווען מ'בויעט אַ גרויסער בנין, קען מען זיך נישט שפּילן מיט די יסודות. איינער וויל בויען אַ בנין פון פופציג שטאָק און דער אינזשעניר זאָגט אַז די יסודות דאַרף זיין אַ געוויסע דיקקייט כדי ס'זאָל זיך האַלטן, און אַז מ'דאַרף עס בודק זיין מיט אַ מומחה צו פאַרזיכערן אַז ס'איז טאַקע גענוג שטאַרק. אָבער דער מענטש טראַכט צו זיך: "וואָס איז אַ חילוק? ס'וועט זיין גוט. מ'דאַרף נישט זיין אַזוי אָנגעצויגן"... איך האָב אַן אַראַבישער קאָנטראַקטער וואָס מאַכט עס אַסאַך ביליגער"... **ר' איד! עס לוינט זיך נישט!** דו קענסט אפשר יעצט פאַרדינען אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן, אָבער שפּעטער וועסטו האָבן דערפון יגון ואנחה!

נאָך אַ דוגמא איז אַן עראָפּלאַן. יעדע פליגער רייזע איז אַ קאָמפּליצירטע זאַך, מ'דאַרף אַריבערפירן עטליכע הונדערט מענטשן אויף די לופטן. דעריבער איז דאָ אַ גאַנצע ליסטע פון זאַכן וואָס מ'דאַרף איבערגיין יעדעס מאָל איידער דער פליגער הייבט זיך. אלף, בית, גימל, דלת, מ'קען נישט פאַרפעלן קיין איין דעטאַל. דער פּילאָט דאַרף זיכער מאַכן אַז ער איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע ליסטע.

אַמאָל איז דאָ איינער וואָס טראַכט: "ס'וועט זיין גוט... לאָמיר זיין רואיג, מ'וועט מאַכן אַ שטיקל מלוה מלכה מצב דאָ"... אַנשטאָט אַריינלייגן אינעם פליגער די געהעריגע גאַז, נוצט ער אַ גאַז וואָס אַ חבר האָט אים געגעבן פאַר ביליגער. "עס וועט זיכער נישט שאַטן"... **צדיק, דו גייסט האָבן דערפון צרות יגון ואנחה!** הונדערטער יאָר שפּעטער וועט מען געדענקען דעם חורבן!

### דער מענטש דאַרף ספּעציעלע אינסטרוקציעס...

דאָס זענען אַלעס משלים, אָבער **באמת איז דער מענטש אַסאַך מער קאָמפּליצירט ווי די משלים!** דעריבער האָט אונז דער אויבערשטער געזאָגט ביי קבלת התורה: "איך האָב דיר ליב, והייתם לי סגולה, ואשא אתכם על כנפי נשרים, ואביא אתכם אלי. איך וויל דיר נאָר זאָגן איין זאַך: **דו ווייסט נישט ווי קאָמפּליצירט דו ביזט.** וויפיל דו מיינסט אַז דו ווייסט, איז עס אַסאַך אַסאַך מער! די נטיות פונעם מענטש; די געפילן; די מח; דער כח זיך צו מקשר זיין צו אַנדערע מענטשן; דער כח זיך צו מקשר זיין טומאה און להבדיל דער כח זיך צו מקשר זיין צו קדושה, צו תשובה' און צו תורה."

ווען אַ מענטש גייט אַביסל נישט ריכטיג, קען זיך דאַכטן אַז ער האָט דאָך גאָרנישט געטון, אָבער **תיכף שפּירט ער אַז ער איז נישט מסודר**; ער איז צעפּיפן, ער איז צעקריגט, ער איז פאַרביטערט. ס'איז לעבעדיג... אַזוי האָט דער אויבערשטער באַשאַפן דעם מענטש.

> יעדע מצב אין זיין לעבן איז די בעסטע זאַך פאַר אים און ער לערנט זיך דערפון

### מ'קען נישט אויסשטעלן אַ מענטש ווי אַ ראָבאָט

דאָס איז די סיבה פאַרוואָס מ'זעט אַסאַך מאָל אַז איינער האָט מחליט געווען צו עפענען אַ ישיבה פאַר מצוינים, אָבער שפּעטער וואונדערט ער זיך: **פאַרוואָס איז עס נישט פונקט אַזוי ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט?!** פאַרוואָס קען עס נישט פאָרן מיט אַ פּעטקטייט, אַז אַלע זאָלן לערנען רצופות, אַלע זאָלן קומען צו שחרית, קיינער זאָל נישט האָבן קיין פּראָבלעמען מיט קיין נסיונות... ער האָט זיך דאָך געקליבן בחורים, **פאַרוואָס קען מען נישט סתם זיצן און לערנען?**

דער אויבערשטער האָט געהאָלפן אַ איד, אַז ער האָט זוכה געווען אויפצושטעלן אַ שטוב. ס'וועט ב"ה געבוירן נאָך אַ קינד און נאָך אַ קינד. צוביסלעך ווערן די קינדער עלטער **און ס'הייבט זיך אָן...** אַהער און אַהין, ס'איז לעבעדיג און לוסטיג, דער מומחה, דער אַנדערער מומחה... ער ווייסט נישט וואו זיך אַהינצוטון און ער טראַכט צו זיך: "פאַרוואָס האָב איך אַזויפיל פּראָבלעמען? דער שכן, קיין עין הרע, האָט נישט די אַלע זאַכן"... ווען ס'קומט צו אַ חתונה זעט ער אַז ביי אַלע שוואָגערס קלאַפּט עס. אַלע זענען אָנגעטון אַזוי שיין. נאָר ביי מיר איז עפּעס אַזוי נישט מסודר...

דער צוגאַנג איז דאָך אַזוי שטאַרק מופרך מעיקרא פון הונדערט זייטן. **דו ווייסט ווי קאָמפּליצירט אַ מענטש איז?** דו האָסט אַ השגה וועגן וואָס מיר רעדן דאָ? מ'רעדט דאָך דאָ פון אַ רוחניות'דיגע נצחיות'דיגע זאַך. וויפיל דו וועסט פּרובירן, וועסטו נישט פאַרשטיין וויפיל מיליאָנען פּרטים זענען דאָ אין אַ מענטש'נס גוף, אין זיין נפש, אין זיין עתיד, אין זיינע גלגולים, אין זיינע נסיונות וואָס ער מוז דורכגיין. **ס'איז אוממעגליך צו האַלטן שליטה אויף די אַלע חשבונות.**

דער מענטש האָט אַ בילד וויאַזוי ער וויל אַז ס'זאָל אויסקוקן דער עתיד פאַר אַלע זיינע קינדער און אייניקלעך... **ער האָט אַ פּלאַן פאַר די עטליכע הונדערט מענטשן**... וועק זיך אויף פון דיין חלום! ס'איז דאָך אַזעלכע שטותים! דער

נפש פון אַ מענטש איז 'מורכב שבמורכב'.

## מ'לערנט זיך און מען שטייגט שטאַפּל נאָך שטאַפּל

דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן אַ תורה און ער האָט געזאָגט: "לאָמיר דיר מסביר זיין. ס'איז נאָר דאָ איין מהלך וואָס אַרבעט פאַר'ן מענטש". די גוטע נייעס איז, אַז **דער אויבערשטער לערנט אונז אויס!** און מ'קען תשובה טון. מ'טוט תשובה יעדן טאָג, און מ'לערנט זיך אַגאַנץ לעבן. די תורה איז נישט געגעבן געוואָרן אַז מ'זאָל נישט האָבן קיין טעותים. אוודאי האָט מען טעותים, עטליכע טעותים יעדע מינוט... אָבער דער מענטש ווייסט אַז **ער האָט נאָך אַסאַך צו לערנען**, ער האָט גאָר אַסאַך חסרונות, און וויפיל ער איז שוין געגאַנגען, האָט ער נאָכנישט אָנגעהויבן.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז אַ יונגערמאַן קומט צום דאָקטער און ערקלערט אַז ער האָט זיך שוין געלערנט רפואה, ווייל ער איז געגאַנגען צו עפּעס אַ קורס וואו מ'האָט געגעבן דריי שיעורים במשך איין וואָך, און ער האָט שוין אַלעס געענדיגט לערנען, ער ווייסט שוין אַלעס... אפילו אויב ער זאָגט דאָס פאַר אַ קליינעם דאָקטער וועט דער דאָקטער לאַכן פון אים: "**איך לערן שוין 12 יאָר בלויז דעם תחום.** איך בין בסך הכל נאָר אַ מומחה אויף די אויגן, און דאָס אַליין לערן איך שוין צוועלף יאָר, און עס ענדיגט זיך נישט, מ'קען דאָס לערנען נאָך טיפער און ברייטער".

## תורת ה' תמימה; וויסן וויפיל מ'האָט נאָכנישט אָנגעהויבן

ווען מ'רעדט וועגן אַ נשמה און אַ נפש פון אַ איד, **איז דאָך זיכער נישט שייך אַז מ'זאָל עס קענען אָפּלערנען און אָנקומען צו שלימות אַזוי שנעל**. ווען אַ איד פאַרשטייט דאָס, איז ער זיך כולל צוזאַמען מיט אידישע קינדער, ער באַגראָבט זיך פאַר בושה און דערפאַר ווייל ער זיין באחדות מיט אַלע אידן. ער לערנט כסדר נאָך תורה, נאָך תשובה, נאָך ענווה מיט ביטול. **ער זוכט צו לערנען די תורה ווייל ער ווייסט אַז ער האָט נאָך בכלל נישט אָנגעהויבן**. דאָס איז אַ גוטע געפיל פון ענווה.

דער **בעש"ט הק'** טייטשט: 'תורת ה' תמימה', די תורה הק' איז נאָך געבליבן גאַנץ, אַלע לימוד התורה און אַלע חידושים פון אַלע דורות האָבן נאָכנישט אָנגערירט די תורה. אַזוויו עס ליגט אויפ'ן טיש אַ שטיקל מזונות וואָס קיינער האָט נאָכנישט צוגערירט. אַזויפיל תורה איז דאָ. די תורה פאַרמאָגט אַזויפיל הבנה, אַזויפיל נצחיות, אַז נאָך אַלעסאיז עס נאָך געבליבן גאַנץ.

ווען אַ מענטש קוקט אַביסל אויף זיינע חסרונות און די תחומים וואָס ער קען נאָכנישט און וואָס ער פאַרשטייט נאָכנישט, **הייבט ער אָן שפּירן ווי ווייט ער האָט נאָכנישט אָנגעהויבן**, און דעמאָלט וויבאַלד ער האָט אַ שטיקל ענווה, **קען ער האָבן דעם זכות אַז דער אויבערשטער זאָל אים אַריינשיינען.**

## יענעמ'ס הצלחה, איז נישט גוט פאַר דיר

דער אוה"ח הק' זאָגט אונז: **דער רבוש"ע ווייסט וואָס ס'איז גוט פאַר דיר.** צומאָל איז דער מענטש ברוגז חלילה אויפ'ן אויבערשטן: "פאַרוואָס באַקום איך נישט פונקטליך וואָס כ'האָב געוואָלט"... באַרואיג זיך! אַ מענטש איז זייער אַ ברייטער בילד, און **דער אויבערשטער טוט געבנ'ו וואָס ס'איז גוט פאַר דיר.**

איינס פון די שטאַרקסטע זאַכן וואָס איז נישט גוט פאַר'ן מענטש איז: **עפּעס וואָס געהערט נישט פאַר אים.** אַ זאַך וואָס באַלאַנגט נישט פאַר דיר, איז נישט גוט פאַר דיר. יענעמ'ס הצלחה, יענעמ'ס כישרון, יענעמ'ס שטוב, יענעמ'ס קינדער - **דאָס איז אַזוי שטאַרק נישט גוט פאַר דיר אַז דו קענסט זיך נישט פאַרשטעלן!** ס'וואָלט געווען די ערגסטע זאַך פאַר דיר אויב דו וואָלסט עס געהאַט. ווידעראום דיין לעבן און דיינע נסיונות זענען דאָס בעסטע זאַך פאַר דיין נצחיות'דיגע נשמה.

## מ'איז געקומען אויף דער וועלט צו לערנען די אייגענע חלק התורה...

ווען דער מענטש ווערט אַביסל עלטער, און ער טרעפט זיך מיט פאַרשידענע שוועריגקייטן, זאָגט ער: "איך קוק זיך אַרום, דער האָט דעם פּראָבלעם, יענער האָט אַן אַנדערן פּראָבלעם. ברוך ה' אַז איך האָב נישט יענעמ'ס צרות איך האָב מיינע אייגענע פּראָבלעמען"... ער קוקט זיך אַן ביי די פופציג יאָר אַלט, און ער טראַכט צו זיך: "הער זיך איין, ס'איז נישט שייך אַז אַלעס זאָל קלאַפּן. ס'איז דאָ צרות אויף דער וועלט"...

אָבער מען דאַרף איבערטוישן אונזער מח און דאָס אויסוואַשן מיט זייף, ווייל מיר לעבן אַזוי קרום. באמת אַרבעט דאָס פונקט פאַרקערט! מיר אידישע קינדער זענען געקומען אויף דער וועלט צו לערנען די תורה. און לערנען תורה מיינט "**וואָס ס'איז גוט פאַר דיר**". פון הימל טיילט מען אויס: דו זאָלסט לערנען די סוגיא אין לעבן, און דיין שכן זאָל לערנען אַן אַנדערע סאָרט מצב אין לעבן.

אין אָנהויב כאַפּט דאָס נישט דער מענטש. **ער איז זיכער אַז ער איז געקומען אויף דער וועלט אַז אַלעס זאָל פאַרן גלאַטיג.** ער זאָל מאַכן יעדע צוויי יאָר אַ ברית, אַ קידוש, אַ בר מצוה.. און שפּעטער אויב ס'גייט נישט אַזוי ווי מ'האָט געוואָלט, ווערט מען אינגאַנצן פאַרלוירן. ס'איז דאָך שטותים! **מ'איז נישט געקומען אויף דער וועלט צוליב דעם.** די וועלט איז אַ פּרוזדור מיט אַלע סאָרט שוועריגקייטן ווייל דאָס איז אונזער חלק התורה. און אוודאי גיט אונז דער רבוש"ע אינצווישן אַזויפיל גוטס, ער ווייזט אונז חסדים מיט טובות. ווייל דער רבוש"ע איז טוב, זיין גאַנצע מציאות איז טוב.

## די שלימות פון דער בריאה

דער רבוש"ע לייגט אַריין דעם מענטש אין אַ ספּעציעלע קעסטל וואָס **דאָרט איז דאָס בעסטע פּלאַץ פאַר אים**, און ס'האָט געדאַרפט זיין אַזוי פון ששת ימי בראשית. "דער שווערער מצב וואָס דו גייסט יעצט אַריבער וועט דיר עפּעס לערנען, און דורך די אַנדערע שוועריגקייט וועסטו פאַררעכטן נאָך אַ זאַך". די וועלט איז אַ געוואַלדיגע שלימות. ווייל **מ'האָט אויסגעטיילט פונקטליך פאַר יעדן איינעם וואָס דער אויבערשטער האָט געוואוסט אַז ער דאַרף יעצט האָבן.**

אַמאָל גייט אַ איד אַריין אין אַ געשעפט צו קויפן מילך, און דער געשעפטס אייגנטומער זאָגט אים איבער אַ שיינע חיזוק ווארט וואָס ער האָט יעצט געהערט. דער מענטש טראַכט: "פון וואו האָסטו געוואוסט וואָס איך דאַרף יעצט הערן?". - **דער אויבערשטער מאַכט דאָס פאַר יעדן מענטש!** ער זאָגט אים יעדן טאָג אַ ווארט וואָס ער דאַרף. דו הערט אַלעמאָל פונקטליך וואָס דו האסט יעצט געדאַרפט הערן. דאָס האָסטו יעצט געדאַרפט וויסן. **דאָס האָט יעצט דיין נשמה געדאַרפט לערנען.** ווען מ'האָט אָט דעם ריכטיגן בליק, קען מען ריכטיג מקבל זיין די תורה, ווייל מען פאַרשטייט אַז דער אויבערשטער לערנט מיט אונז אַלעמאָל.

## יעדע סאָרט מציאות איז אַ צוגעפּאַסטע קבלת התורה

איינס פון די זאַכן וואָס מ'קען מיטנעמען פון קבלת התורה, איז זיך צו דערמאַנען און געדענקען דעם יסוד אַלעמאָל. דער מענטש קומט אַהיים און שטוב און ער זאָגט: "**דאָס איז וואָס דער אויבערשטער לערנט יעצט מיט מיר, דאָס איז מיין קבלת התורה.** פונקטליך דער מצב וואו איך שטיי יעצט, דאָס לערנט אַצינד דער אויבערשטער מיט מיר. ער לערנט מיר אויס אַז כ'זאָל זיך פאַרלאָזן אויף אים, ער לערנט מיר אויס אַז כ'זאָל נישט האָבן קיין טענות, ער לערנט מיר אויס אַז כ'זאָל תשובה טון, ער לערנט אויס צו האָבן ביטול. **דאָס איז מיין תורה!** דאָס איז דער חלק וואָס דער אויבערשטער גיט מיר, חלקי בתורתיך!"

ווען אַ איד הייבט אָן שפּירן וואַזוי **יעדע מצב אין זיין לעבן איז די בעסטע זאַך פאַר אים און ער לערנט זיך דערפון**, ברענגט עס פאַר'ן מענטש אַ געוואַלדיגע אהבת ה'.

**דאָס איז וואָס דער אויבערשטער לערנט יעצט מיט מיר, דאָס איז מיין קבלת התורה**

המשך מעמוד ח'



אודאי דאַרפן מיר גוט וויינען אויך צו באַקומען דעם ערשטן שטיקל, אָבער ווי שטאַרק דאַרפן מיר האָבן אַ תשוקה צו קענען 'מקיים' זיין די תורה הק'.

## די שיינקייט פון אַן ערליכער איד

אפילו ווען מ'קוקט מיט אַ חכמת חיים'דיגער בליק קען מען זען **ווי וויכטיג ס'איז דער חלק פון 'לשמור ולעשות ולקיים'.** אַמאָל טרעפט מען צוויי מענטשן. איינער פון זיי האָט אַסאַך ידיעות, ער איז זיך גוט מסביר און ער קען אַ געוואַלד פון תורה. אָבער דער אַנדערער איז דאָך אַזוי ערליך אַז מ'קען ממש משוגע ווערן פון זיין ערליכקייט. אויב האָט ער אַ ספק אויף אַ האַלבע פרוטה וואָס איז נישט זיינס, גיט ער דאָס גלייך צוריק: "קענסט עס האָבן, איך דאַרף עס נישט, ס'איז גוט"... זיין וויתור, זיינע מדות, זיין הלוך ילך...

ווען מיר זען אַזאַ מענטש דערציילט אונזער הארץ אַז **דער וואָס האָט זוכה געווען צו 'לשמור ולעשות ולקיים', דער האָט די אמת'ע קנין התורה!** מען כאַפּט אַזאַ התפעלות און מ'וויל זיך לערנען פון אים: "וויאַזוי מאַכט ער דאָס? ער איז אַזוי אויסגעהאַלטן בינו לבין קונו"... פאַרוואָס ברענגט דאָס אַסאַך אַ גרעסערע התפעלות ווי פון איינער וואָס האָט אַסאַך ידיעות? **ווייל ס'איז מער אמת! ווייל דער איד איז אָנגעקומען צום לעצטן שטיקל!** זיין ערליכקייט איז אויך אַ סימן אויף זיין לימוד התורה אַז ס'איז אויף אַ שלימות'דיגן אופן, ווי רבי מאיר זאָגט אין סוף מסכת אבות: **כל העוסק בתורה לשמה, זוכה לדברים הרבה.**

הרה"ק רבי **הערש'לע רימנובער** זי"ע זאָגט דאָך אַז אין די שלשת ימי הגבלה האָבן אידן עוסק געווען צו זאָגן אהבה רבה און מתפלל זיין 'אבינו אב הרחמן' אַז מ'זאָל זוכה זיין צו תורה. **וויפיל השתוקקות דאַרף אַ איד האָבן אויף דעם חלק פון לשמור ולעשות ולקיים.**

## מען וואַרט אין הימל אויף דיר...

צומאָל טראַכט אַ מענטש: "איז דען דאָ אַ וועג אינעם היינטיגן דור צו קענען זיך פירן אמת'דיג ערליך?" און די תשובה איז: **אודאי יאָ!** ס'איז ריכטיג אַז 'אלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו', אָבער **ווען אַ איד טוט וואָס ער קען, מיט אמונה, מיט בטחון, מיט תפלה, דעמאָלט וועט זיכער זיין הקב"ה עוזרו!**

לאָמיר נישט פאַרגעסן אַ פשוט'ער יסוד: זאַכן וואָס דאַרפן געשען, **וואַרטן אויף דיין אמונה און דיין תפלה אַז ס'זאָל געשען.** (כמבואר בספה"ק **תורת אמת** פרשת בהר עה"כ וכי תאמרו מה נאכל, וכעי"ז כ"כ ה**אור החיים הק'** שם). אַ זאַך וואָס דו ווייסט אַז אַזוי דאַרף זיין אָבער ס'איז נאָכנישט געשען, **מיינט דאָס אַז מ'וואַרט אין הימל אויף דיר.** דאָס איז די סיבה פאַרוואָס ס'איז נאָכנישט געשען.

## שטייגן מיינט אפילו מ'איז נישט אָנגעקומען צו שלימות

יעדער איינער קען מצליח זיין צו ווערן אַן ערליכער איד, און צו מצליח זיין ברוחניות. **צוביסלעך קען מען זיך רוקן פאָראויס.** מ'ווערט בעסער אין נאָך אַ תחום און דערנאָך אין נאָך אַ תחום, און מ'איז שוין נישט דער זעלבער.

דער באַגריף זיך 'רוקן פאָראויס' מיינט אויך ווען דער מענטש קוקט צוריק אויף די לעצטע פאָר חדשים און ער זעט אַז טראָצדעם וואָס ער איז צומאָל דורכגעפאַלן, אָבער **ער פלעגט ווערן אין כעס צוויי מאָל אַ טאָג, און לעצטנס פאַסירט דאָס איינמאָל אַ וואָך.** דאָס הייסט אַז דער איד האָט זיך גערוקט! כאָטש ס'איז נאָכנישט 'לבי חלל בקרבי', מ'האַלט נאָכנישט ביים תכלית השלימות, אָבער ס'איז שוין געשען אַ געוואַלדיגע הצלחה אין רוחניות.

## דיין הצלחה איז גרייט!

ס'איז נישט קיין שום ספק אַז דער אויבערשטער האָט אָנגעגרייט די ריכטיגע צינורות פאר דיין הצלחה ברוחניות. דער אויבערשטער האָט שוין צוגעגרייט אַ מהלך אין תורה וואָס רעדט צו דיין האַרץ און וואָס איז פּאַסיג פאַר דיין סאָרט נפש. אפילו אויב דו ביזט שוין צוגעוואוינט מיט שלעכטע הרגלים, **איז דאָ אָנגעגרייט אַ טיר אַרויסצוגיין דערפון.** דו דאַרפסט עס נישט בויען. **ס'איז שוין דאָ!** דו דאַרפסט בלויז אַוועקנעמען די מחיצות וואָס זענען מפריד די הצלחה פון דיר. די ערשטע שטאַפּל דערצו איז: **צו וויסן און פאַרשטיין אַז ס'איז דאָ אַן אָנגעגרייטע וועג פאַר דיר!**

ווען מ'זאָגט פאר אַ מענטש: "זאָלסט וויסן אַז ס'איז דאָ איינער וואָס וויל דיר קויפן אַ מתנה, ער טראַכט נאָך דערוועגן". ענטפערט ער: "זייער פיין, דער אויבערשטער זאָל יענעם בענטשן פאר זיין גוטן רצון"...

אָבער דאַן איז דאָ אַ מציאות ווען מ'דערציילט פאַר'ן מענטש: "**איינער האָט דיר שוין געקויפט אַ מתנה!** עס ליגט דאָ אונטן. דו דאַרפסט בלויז אַראָפּגיין". ער וואוינט אויפ'ן פינפטן שטאָק און מ'זאָגט אים אַז ס'ליגט שוין דאָ אויף די טרעפּ אונטן. וואָס טוט יעדער נאָרמאַלער מענטש? **אינמיטן רעדן הייבט ער שוין אַראָפּצוגיין די טרעפּ.** איי, ס'איז דאָך אַ טירחא אַראָפּצוגיין? יאָ, אָבער אויב ווייס אַז ס'ליגט דאָרט אַ מתנה, קען איך גיין צען שטאָק אויך...

דאָס איז דער אמת אויך לגבי הצלחה אויף קיום התורה, **יעדער איינער קען מצליח זיין מיט 'לשמור ולעשות ולקיים'.** ס'ליגט דאָ אָנגעגרייט! **מ'דאַרף נאר גלייבן און וויסן אַז אויף דער אַנדערער זייט פון דער טיר איז דאָ אַן עצה און אַ מהלך.** אַ איד קען דאָך זוכה זיין צו אַזאַ זיסע לעבן ווען ער איז זוכה אָנצוקומען דערצו.

## ירידות זענען נישט קיין סתירה צו שטייגן

ס'וועט שטענדיג בלייבן מלחמות. עליות מיט ירידות זענען אַלעמאָל דאָ. אַלע צדיקים און ספרים הק' רעדן וועגן עליות מיט ירידות. **אָבער ווער האָט געזאָגט אַז די מלחמות דאַרפן זיין אויפ'ן אונטערשטן שטאָק?** די עליות וירידות קענען אויך זיין אויף די העכערע שטאָקן, אויף אַזאַ אופן אַז דיין עליה פון נעכטן איז דיין ירידה פון מאָרגן.

דער וועג איז צוגעגרייט פאַר דיר. ס'איז מוכן ומזומן פון הונטער דער טיר, און אודאי זענען דאָ עליות וירידות און דאָס גייט ממשיך זיין עד זיבולא בתרייתא. אָבער **דיין ירידה הייסט פאר אַ צווייטן אַן עליה...** יעדער טרעפט זיך אַמאָל אין אַ שלעכטע גוסטע, קיינער איז נישט אין דער זעלבער שטימונג אַלעמאָל. ער איז יעצט אָנגעשטרענגט, ער איז פאַרמאַטערט, ער האָט געהאַט אן אַנטוישונג, ער איז זייער צעבראָכן און צערודערט צוליב אַן ענין, און ער רעאַגירט נישט צו מענטשן מיט די זעלבע סבלנות און געדולדיגקייט ווי געוויינליך. **אָבער כ'וויל נישט זאָגן וואָס ער פלעגט אַמאָל טון...** ס'איז בעסער אַז מ'רעדט נישט וויאַזוי ער פלעגט אַמאָל אויסקוקן... היינט איז ער אָפן מיט זיך אַליין: "איך בין אַביסל פאַרמאַטערט, ס'איז נישט יעצט די פּאַסיגע צייט דערויף"...

## ס'איז ממש אַ שאָד...

דער פסוק זאָגט אין שיר השירים (ה, ו): **פָּתַחְתִּי אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי חָמַק עָבָר נַפְשִׁי יָצְאָה בְדַבְּרוֹ בִּקַּשְׁתִּיהוּ וְלֹא מְצָאתִיהוּ קְרָאתִיו וְלֹא עָנָנִי.** פרעגן די ספרים הק' אַז לכאורה אויב דער מענטש גייט צום קלאַמקע עפענען, פאַרוואָס איז דער אויבערשטער אַנטלאָפן? נאר זאָגן די ספרים אַז די סיבה דערצו איז, **ווייל דער מענטש האָט באמת נישט געזוכט.** ס'איז נישט געקומען פון דער ריכטיגער פלאַץ. דעריבער ווען ער עפנט די טיר, גייט דער אויבערשטער אַוועק. יעצט איז נתברר געוואָרן אַז ער האָט נישט באמת געזוכט. אָבער **אויב מ'זוכט מיט אַן אמת, איז דער אויבערשטער אַלעמאָל אויף דער אַנדערער זייט פונעם טיר.**

אַמאָל איז דאָ אַ דיעל וואָס דאַרף ווערן געשלאָסן, אָדער אַ שידוך וואָס דאַרף ווערן אויסגעפירט, אַלע שטיקלעך זענען אין פלאַץ, אַלע צדדים זענען גרייט, און **ס'איז אַ שאָד אַז ס'זאָל פאַרפאַלן גיין.** דאָס זעלבע דאַרף אַ איד דאַווענען אויף דעם 'לשמור ולעשות ולקיים' מיט אַ געפיל פון: **"ס'איז ממש אַ שאָד אויב ס'וועט נישט פאַסירן למעשה"...** אַלע זייטן ווילן. דער רבוש"ע וויל, דער איד וויל, די תורה וויל... יעדער איז גרייט!

דער פראָבלעם איז נאָר ווען דער מענטש גלייבט נישט גענוג, ער מיינט אַז ער דאַרף באַשאַפן אַ 'יש מאין' כדי צו באַקומען הצלחה אין קיום המצוות און אין אמת'ע ערליכקייט. **ס'איז אָבער נישט אמת.** כדי אָנצוקומען צו אמת'ע יראת שמים, איז דאָ אָנגעגרייט אַ פונקטליכער מהלך וואָס קען דיר מעורר זיין, און וואָס קען דיר ברענגען צו ערליכקייט. דיין אַרבעט איז בלויז צו צעברעכן די וואַנט אינצווישן. ווען דער איד וועט זיין זיכער אַז זיין ישועה ליגט דאָרט, וועט ער זיין מוכן ומזומן צו צעברעכן דעם וואַנט, מיט טרערן, מיט תפלות און מיט קבלות טובות. ווייל ער ווייסט אַז די זאַך איז מוכן ומזומן פאַר אים! אָט דער בטחון אַז ס'איז דאָ אָנגעגרייט, דאָס קען אונז באַגלייטן אויסצונוצן דעם הייליגן יום טוב מיט אַסאַך תפלה אויף יעדן פרט פון הצלחה בתורה.

## נקודה למחשבה

# לאָזן אַ טרער אויף 'לשמור ולעשות ולקיים'...

### פאַרברענג ערב קבלת התורה תשפ"ה

### לשמור ולעשות איז אַ חלק פון לימוד התורה

אין דער ברכה פון 'אהבת עולם', זאָגט מען יעדן אינדערפרי: **וְתֵן בְּלִבֵּנוּ בִּינָה לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל לִשְׁמֹעַ לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת.**

מ'קען דאָס בטעות אָפּלערנען אַז מ'רעדט דאָ פון צוויי באַזונדערע זאַכן. ס'איז דאָ **איין חלק פון 'לימוד התורה'**, אַז מ'דאַרף לערנען קביעות עתים, מ'דאַרף געדענקן, מ'דאַרף ענדיגן מסכתות, מ'דאַרף לערנען טיף. און דאַן איז דאָ **אַ צווייטער חלק פון 'זיין אַן ערליכער איד'**. דאָס איז כאילו אן אַנדערע נושא. מ'דאַרף אַכטונג געבן אויף הלכות שבת, אַכטונג געבן אויף די אויגן. מיר לייגן דאָס אַריין אין אַן הגדרה אַז דאָס האָט מיט 'יראת שמים', און נישט מיט 'תורה'.

אָבער באמת זענען דאָס בעצם עטליכע חלקים פון דער זעלבער זאַך. **לִלְמֹד** - לערנען פאר זיך אַליין. **וּלְלַמֵּד** - לערנען מיט אַנדערע. **לִשְׁמֹר** - זיך אָפּצוהיטן פון לא תעשה'ס, און **לַעֲשׂוֹת** - צו טון מצוות עשה'ס. **די אַלע זאַכן זענען איין גרויסער שלימות.** דוקא ווען דער מענטש האָט **דעם גאַנצן בילד**; ער לערנט פאר זיך און פאר אַנדערע, ער היט זיך אָפּ פון עבירות און ער איז מקיים מצוות, **דעמאָלט איז דאָס אַ שלימות'דיגע תורה!** דאָס הייסט ריכטיג געלערנט און זיך מדבק געווען צו תורה. ווי **חז"ל** זאָגן (אבות ג, ט): **כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו - חכמתו מתקיימת.**

מ'דאַרף דאָס אַריינעמען אין די ביינער, אַז ווען אַ איד פירט זיך מיט אַ ריכטיגע יראת חטא, **איז דאָס כפשוטו די זעלבע דרגא ווי לימוד התורה!** דאָס הייסט, ער לערנט יעצט תורה מיט זיך. ער נעמט אַריין אין זיך וואָס עס שטייט אין דער תורה. **ער איז יעצט מקיים דעם שלימות פון 'ללמוד וללמד' דורכדעם וואָס ער איז עוסק אין 'לשמור ולעשות'.** ווען מ'איז מתפלל אַז מ'זאָל זוכה זיין צו מקבל זיין די תורה, איז מען בעצם מתפלל אַז מ'זאָל מצליח זיין אַריינצונעמען די תורה אויף אַזוי שטאַרק אַז ס'זאָל ברענגען לידי קיום ממש.

### דער עיקר קבלת התורה איז געווען אויף יראת חטא

ס'איז דאָ אַ מורא'דיגער **מהרש"א** אין מסכת עבודה זרה (ג, א) אויף דער באַוואוסטער קשיא, פאַרוואָס מיר פראַווען שבועות אין דעם טאָג פון ו' סיון, ווען קבלת התורה איז דאך געווען אין דעם טאָג פון ז' סיון.

זאָגט דער מהרש"א אַז אידן האָבן זיך געגרייט אויף קבלת התורה מיט'ן זיך מקדש און מטהר זיין. דאָס איז דאך די עבודה פון זיבן ספירה וואָכן, ווען מען מאַכט די הכנות דורכדעם וואָס מ'ווערט ריינער, מיט ערליכקייט און מיט השתוקקות. דער מהרש"א דרוקט זיך אויס מיט'ן לשון: **"יראת חטא קודם לחכמה במעלה ובזמן". אָט די יראת חטא וואָס אידן האָבן קונה געווען אין די ימי הספירה, איז אַסאַך העכער פון חכמת התורה.**

דערפאַר פראַווען מיר דעם יום טוב אין דעם פופציגסטן טאָג, ביום ו' לחודש, ווייל דעמאָלט האָבן אידן זוכה געווען צו ענדיגן זייער הכנה, און זיי זענען אָנגעקומען צו דעם שלימות פון יראת חטא. **דאָס איז דער עיקר יום טוב, ווייל אין דעם טאָג זענען זיי געוואָרן הייליג און ריין.** אַ טאָג שפּעטער איז שוין אסרו חג אין ארץ ישראל, אפילו דעמאָלט האָט מען מקבל געווען די תורה, ווייל **די קבלת התורה איז שוין אַ תוצאה וואָס קומט ממילא נאָך יראת שמים.**

**ווען מ'דאַרף דעם לעצטן שטיקל...**

א יונגערמאַן קומט אַריין אין געשעפט און ער זאָגט אַז ער דאַרף האָבן עפּעס אַ שטיקל פאר זיין סוכה. דער געשעפטסמאַן פרעגט אים: "אפשר דאַרפסטו דאָס?" - **"ניין דאָס האָב איך שוין"**. דער געשעפט'ס אייגנטומער גייט אַריין טיפער און ער ברענגט אים אַרויס אַ צווייטן שטיקל. אָבער דער קונה זאָגט: **"דאָס האָב איך אויך. איך רעדט וועגן דעם לעצטן שטיקל. ס'פעלט מיר נאר די לעצטע שטיקל"...**

דאָס זעלבע איז אַן ערליכער איד מתפלל ביי 'אהבה רבה'. **ער לאָזט אַ טרער אויף דעם חלק פון 'לשמור ולעשות ולקיים'.** ער קען שוין טאַקע זאָגן לומדות, ער האָט שוין אַ חברותא צום לערנען, **אָבער ער דאַרף דעם לעצטן שטיקל...**

### ⟵ אותיות מחכימות ⟵

**חידושי אגדות מהרש"א (עבודה זרה ג, א)**

שיש לדקדק בסוגיא בפרק ר' עקיבא דפליגי רבנן ור' יוסי, דרבנן סברי בשישה לחדש נתנה תורה ור' יוסי אמר בז' בו, ולכ"ע בשבת נתנה תורה ע"ש. ויש לספק בזה דלכולי עלמא נתנה תורה ביום נ"א מן הספירה, למה קבע הש"י חג השבועות לדורות ביום חמשים מן הספירה.

והכוונה בזה, לפי שלא היו ישראל אז ראוים לחכמת התורה עד שיטהרו ויקדשו עצמם מכל טומאת מצרים שיצאו משם כמ"ש כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו וכו'. וע"כ היתה הטהרה במספר שבעה שבועות ויום חמשים שהם מספרים קדושים כענין שבת שמיטים ויובלות, ולפי שביום נ' נגמרה הטהרה שזכינו אחר כך ביום נ"א לקבל התורה, קבע הש"י אותו יום חמשים לחג שבועות כי יראת חטא קודם לחכמה במעלה ובזמן.

המשך בעמוד הקודם ›››

פטרון החודש

נתנדב על ידי
מו"ה החפץ בעילום שם הי"ו
לעילוי נשמת
הרה"ק ר' משה לייב מסאסוב זי"ע
לזכות ברכה והצלחה בכל העניינים

פטרון הפצה

נתנדב לעילוי נשמתו הטהורה
של הרה"ק ר' ישראל אברהם
בן הרה"ק ר' אליעזר זוסיא זצוק"ל מ'סקולען
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד לו ולב"ב להתברך בבני חייו מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא אמן.

ארה"ב 718. 686. 8300
א"י 072. 257. 7726
בריטניה 0333. 070. 6585
בלגיה 0480. 20. 16. 18
לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini. com

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

באראַ פּאַרק: ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62, ביהמ"ד קראסנא לאקער #166, ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה, ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה, The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג: ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213, ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58Central Market, ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל, ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי: ביהמ"ד ויזאל משה סאטמאר לאקער 40, ביהמ"ד סאטמאר 13 לאקער 25, ביהמ"ד הגדול וויזניץ לאקער 219, ביהמ"ד ווילעדניק, ביהמ"ד נצח ישראל פארשעי, ביהמ"ד סטאלין, ביהמ"ד ראדאשיץ עירמאנט, ביהמ"ד סאטמאר בנין שיף

קרית יואל: ביהמ"ד אהל פיגא משה, ביהמ"ד בית אלעזר, ביהמ"ד בית מנחם זאב, ביהמ"ד ישמח, ביהמ"ד אבני צדק, ביהמ"ד רב טוב, ביהמ"ד בית דוד

לאנדאן: ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42, ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקער 25, ביהמ"ד באלא 45 לאקער 33, ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד, ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"